בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**קי"א**

יו"ל: כ"ב כסלו ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של
**$15**
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

**אז מען גייט דא - גייט מען דארטן!**
**וואו האלט איך אין אמונה?!**
**נישט איבערהאקן דאס דביקות**
**"תפילה למעלה מהטבע"**
**"בארץ ישראל קל לאדם לבא למדריגות גדולות"**
**בינד מיר צו - איך זאל נישט קענען ארויסגיין!**
**נישט געפארן דורך 'עכו'**
**אויפגעהערט צו רעדן**
**"והקפיד רביז"ל מאד על זה"**
**נישט געכאפט דעם רמז**
**דער רבי קומט נישט אריין צום טיש**
**"שֶׁאֵין מִי שֶׁיּוֹדֵעַ מִמֶּנּוּ כִּי־אִם אָנֹכִי מְעַט"**
**"וְלֹא לְחִנָּם הִרְעִישׁ עָלָיו הַשָּׂטָן"**
**"ער וועט דיר נישט גט'ן!"**
**דער חלום אין דער שבעה**
**אז מיר זאגן, ווערט מקויים!**
**זוכן אינמיטן שלאף**
**ארויסגעווארפן פון דער מקוה**
**פארשטאנען אז די מעשה האט זיך געענדיגט...**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #111**

בס"ד

# פרשת וארא

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 128#)

## אז מען גייט דא - גייט מען דארטן!

(לומד בליקוטי מוהר"ן תורה ז':) **"לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם** (שְׁמוֹת כא)**. אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'הִשְׁווּ אִשָּׁה לְאִישׁ'** (קִדּוּשִׁין לה: בָּבָא קַמָּא טו.)**. וְאִיתָא בִּמְכִילְתָּא: 'יָכוֹל יִהְיוּ הַתַּלְמִידִים לוֹמְדִין וְאֵינָם מְבִינִים, תַּלְמוּד לוֹמַר: 'אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם' 'עָרְכֵם לִפְנֵיהֶם כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ'".**

(ר' נחמן בורשטיין: ביי דער תורה האט דער רבי געזאגט: "אמונה, תפילה, ניסים, ארץ ישראל, איז גאר איין זאך!"?) **יא, יא, ביי דער תורה**[א].

**זאגט דער רבי: "דַּע, כִּי עִקַּר הַגָּלוּת אֵינוֹ אֶלָּא בִּשְׁבִיל חֶסְרוֹן אֱמוּנָה" -**

**ווען דער רבי האט געהייסן רבי נתן'ען מחדש זיין, האט ער אים געזאגט: "אז דו וועסט קומען צו א שמועס פון צדיק, אדער פון אמונה - זאלסטו צולאזן דער פען, און שרייבן וואס מערער!".**

---

[א] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, תקס"א: "ועיקר אמונה, בחינת תפילה, בחינת נסים - אינו אלא בארץ ישראל"; אז, כשאמרה רביה"ק, משך בלשונו הקדוש: **"אמונה, תפילה, נסים, ארץ ישראל - איז גאר איין זאך!".**

מיר רעדן פון 'אמונה' און 'חסרון אמונה'. דער רבי האט געהייסן מען זאל זיך נישט לאזן נארן, מען זאל זיך מיישב זיין; דער טייטש פון אמונה איז, 'גלויבן אינעם אויבערשטן!'. דאס האט אין זיך א געוואלדיגע זאך וואס מען נארט זיך דערין - מען מיינט מען האט אמונה. דער ענין פון אמונה דאס איז אזא מין (עיקר), דאס איז דער שורש (פון אלעם) - דאס דאווענען איז אַן אנדער דאווענען! א מענטש וואס האט אמונה אינעם אויבערשטן גייט ער גאר אנדערש, דער מענטש איז אַן אנדער מענטש, די אמונה שטעלט אים אוועק אויף אזא מין מצב - אז ער גלויבט אינעם אויבערשטן - אז ער האט אמונה אינעם אויבערשטן, איז ער אנדערש מקושר צום אויבערשטן!

**און דאס פעלט - די אמונה פעלט!**

(רבינו אמר:) **"ביי דער וועלט איז אמונה א דבר קטן, ביי מיר איז אמונה [א דבר גדול מאד!"**[ב]] - **און דאס פעלט! דאס שרייט רבי נתן אין די תפילות: "תן לי אמונה" - גיב מיר אמונה, גיב מיר אמונה! רבי נתן האט געוואוסט וואס הייסט אמונה...**

מען דארף זיך טאקע מחיה זיין מיט וואס (מען האט יא!) ביי יעדע זאך פונעם רבי'ן דארף מען זיך מחיה זיין מיט אביסעלע, אבער מען דארף וויסן אז נישט דאס איז עס ( - נישט דא ענדיגט זיך עס). מען דארף נישט אראפפאלן דערפון, אבער וויסן אז (מען קען ווערן בעסער). די גאנצע התחזקות וואס מען איז מיר כסדר מחזק איז אויך מיט א וואגשאל, מען איז מיר מחזק כדי איך זאל קענען טוהן.

(למשל:) **אז איינער דראפעט זיך אויף א זאך, ער מוז ארויף אויף א בוים - און ער גייט און פאלט, איז מען אים מחזק. אבער 'וואס' איז מען אים מחזק? דו זאלסט בלייבן אונטן? מען איז אים מחזק: "דראפע זיך ווייטער! הער נישט אויף! כאטש**

---

[ב] עי' שיחות הר"ן, אות ל"ג: "שוב פעם אחת היה מדבר מאמונה, ענה ואמר: **אצל העולם אמונה הוא דבר קטן ואצלי אמונה הוא דבר גדול מאד.** ועיקר האמונה היא בלי שום חכמות וחקירות כלל. רק בפשיטות גמור כמו שהנשים וההמון עם הכשרים מאמינים".

דו פאלסט דאך אראפ און דו גליטשט אלץ אראפ!". וואס מען דראפעט זיך העכער איז דאך דער פאל שטארקער - (לכן מחזקים אותו:) "דו זאלסט זיך דראפען - וועסטו (סוף כל סוף) ארויף קומען אויפן בוים!".

און אפילו דו וועסט נישט ארויפקומען אויפן בוים, אויב דו וועסט זיך אלע יארן דראפען - איז אויך גוט, ווייל "אז מען גייט 'דא' כסדר מדרגא לדרגא - גייט מען 'דארטן' אויך!" - אזוי האט דער רבי געזאגט[ג]. איי, דארטן קען מען דאך נישט גיין העכער? אבער וויבאלד אז ער גייט דא מדרגא לדרגא, ער שטעלט זיך נישט אפ, קען ער דארטן אויך. ווי אזוי איז שייך ביי אונז 'מדרגא לדרגא'? אז מען שטעלט זיך נישט אפ - נאר יעדע גוטע זאך וויל איך די זאך! איך לאז נישט אפ דעם געדאנק דערפון, און בעט אויף דער זאך. אויב ער האלט זיך אלע יארן דערצו און ער דערגרייכט עס נישט, דערגרייכט ער עס דארטן, ווייל ער טוהט 'מה שמוטל עליו'.

אזוי האט דער רבי געזאגט: "אז מען גייט דא מדרגא לדרגא - גייט מען דארטן אויך!"

- איי, וואס הייסט? דארטן קען מען דאך נישט גיין העכער? וויפיל דער מענטש האט זיך צוגעגרייט אזוי פיל האט ער, איז וואס איז שייך דארטן צו גיין מדרגא לדרגא? נאר אז דער מענטש האט בחייו נישט אפגעלאזט דעם געדאנק פון ווען און ווען נאר ער האט עס נישט דערגרייכט, דערגרייכט ער עס דארטן! אט דאס הייסט דאך מדרגא לדרגא - 'איך לאז נישט אפ!' אבער אז איך האב זיך אפגעשטעלט, איז אפגעשטעלט.

---

[ג] עי' חיי מוהר"ן, אות ט"ז: "לְעִנְיַן הַמַּקִּיפִים הַמְבֹאָרִים בְּהַתּוֹרָה עַתִּיקָא סִימָן כ"א שֶׁכָּל אֶחָד יַשִּׂיג לֶעָתִיד כְּפִי טָרְחוֹ וִיגִיעָתוֹ וְכוּ' בַּעֲבוֹדַת ה', אָמַר **שֶׁיֵּשׁ עֲבוֹדוֹת כָּאֵלּוּ בְּזֶה הָעוֹלָם שֶׁזּוֹכִין עַל יָדָם שֶׁגַּם בָּעוֹלָם הַבָּא יִזְכֶּה בְּכָל פַּעַם לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא** וּלְהַשִּׂיג בְּכָל פַּעַם מַקִּיפִין חֲדָשִׁים". ועי' בזוה"ק ח"א, דף ק' ע"א: "**כַּמָּה דְּבַר נָשׁ אִתְמְשַׁךְ בְּהַאי עָלְמָא - הָכִי נָמֵי מָשְׁכִין לֵיהּ כַּד נָפִיק מֵהַאי עָלְמָא. וּבְמָּה דְאִתְדַּבַּק בְּהַאי עָלְמָא וְאִתְמְשַׁךְ אֲבַתְרֵיהּ - הָכִי אִתְדַּבַּק בְּהַהוּא עָלְמָא**".

(אחד הנוכחים: אויך קעגן לערנען זאגט דער רבי, אפילו ער פארשטייט נישט דא, פארשטייט מען דארטן![ד])

דער רבי האט אמאל גערעכנט (- דערמאנט) גאר פון א גדול אז ער האט זיך אפגעשטעלט אויף דער וועלט - ער האט זיך אפגעשטעלט! ער איז געווען א גרויסער מענטש - פון די גאר גרויסע, נאר ער האט זיך אפגעשטעלט!

דער רבי האט דאך געזאגט, אויב דער צדיק קומט שוין צו אזא מין סארט מדריגה וואס ער קען שוין העכער נישט גיין, מוז ער נסתלק ווערן, ווארום דא קען ער נישט זיין – דא מוז מען גיין, דא מוז מען גיין! אבער אז א מענטש האלט אין איין גיין העכער העכער העכער און ער איז שוין צוגעקומען דערצו אז ער קען שוין דא אין דעם עולם העכער נישט גיין, מוז ער אוועקגיין.

(אחד הנוכחים: דאס העמדל אויסטוהן) **יא, יא!**[ה]

❖

## וואו האלט איך אין אמונה?!

דאס איז אויך אַן ענין פון ישוב הדעת; דער מענטש דארף תמיד געדענקען און וויסן 'וואו איך בין!' און ער זאל וויסן 'איך דארף וועלן זיין בעסער אין אלע מיינע מידות - אין אלעמען וואו איך גיב זיך א ריר דארף איך וועלן זיין בעסער'. אז איך

---

[ד] עי' שיחות הר"ן, אות כ"ו.

[ה] עי' שיחות הר"ן, אות קע"ט: קודם הסתלקותו אמר שכבר הוא עומד עכשיו על מדריגה כזו שאי אפשר להשיג יותר בשום אופן כל זמן שמלובשין בהגוף. ואמר שמתגעגע מאד מאד להפשיט גופו, כי אי אפשר לו לעמוד על מדריגה אחת בשום אופן. כי כל ימי חייו מעולם לא עמד על מדריגה אחת, אפילו כשהגיע לאיזה מדריגה עליונה שיהיה, אפילו לתכלית המעלה, אף על פי כן היה מחפש יותר עד שהגיע למדריגה גבוהה יותר ויותר. וכן היה תמיד כל ימי חייו כמבואר במקום אחר. ולבסוף הגיע למדריגה גבוהה כזו שאי אפשר בתוך הגוף להשיג יותר בשום אופן. ועל כן היה מוכרח להסתלק. ואמר בזו הלשון: **איך וואלט שוין גיגערין דאס העמדיל אויס גיטאן, ווארין איך קאן אויף איין מדריגה ניט שטיין!** (כבר רציתי לפשוט כותנתי מפני שאיני יכול לעמד על מדריגה אחת)".

בין אינגאנצן ווייט – אוודאי! אפילו מען האט א חבר קען מען אויך נישט ארויסגעבן דעם צווייטן 'את נגעי לבבו', אבער דאס קען מען יא ארויסגעבן איינער דעם צווייטן, אז יעדער איינער ווי אזוי ער איז און ווי אזוי ער האלט זיך דארף ער וועלן זיין בעסער, דאס קען אריינגיין אינעם סדר - אין וואספארא מידה מען רעדט - אין אכילה, אין שתיה, אין שינה, און אלע מיני זאכן - דאווענען, לערנען, רעדן, טראכטן, און קוקן. א גאנצער געשעפט, א גאנצע קלייט איז דאך ביי מיר דא - סחורה מיט פארשידענע זאכן - 'איך דארף וועלן זיין בעסער!'

אט דעם געדאנק זאל איך נישט אפלאזן כל ימי חיי: 'איך דארף זיין בעסער!'

דאס איז געזאגט געווארן ביי די קליינע מענטשן, און דאס איז געזאגט געווארן ביי די גרעסטע מענטשן - ביי צדיקים! נאר צדיקים זענען אוודאי געוואלדיג משתוקק צו זיין בעסער.

רעדט מען דא פון אמונה, פון זיך מאכן א גאנצן ישוב הדעת - 'וואו האלט איך אין דער אמונה?' - עס איז א געוואלד, א געוואלד!

אז עס קומט ביים דאווענען דארף מען האבן אמונה. דער רבי ברענגט[ו] - וואס הייסט אמונה ביים דאווענען? (מען זאל וויסן) אז דער אויבערשטער שטייט לעבן מיר און הערט יעדעם ווארט וואס איך רעד! אז איך זאל האבן דער אמונה - ווי אזוי וואלט איך געדאוונט? מיט א התלהבות, איך וואלט מדקדק געווען מיט דיקדוק!

---

[ו] עי' ליקוטי מוהר"ן, סי' ס"ב, אות ב': "**וּבֶאֱמֶת אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'** (יְשַׁעְיָה ו), **וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה. וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו.** וּבִשְׁבִיל שֶׁהָאָדָם אֵינוֹ יוֹדֵעַ זֹאת יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, בִּשְׁבִיל זֶה אֵינוֹ מִתְלַהֵב כָּל כָּךְ, וְאֵינוֹ מְדַקְדֵּק כָּל כָּךְ. וְכָל אֶחָד לְפִי מִעוּט שִׂכְלוֹ וִידִיעָתוֹ, כֵּן הִתְלַהֲבוּתוֹ וְדִקְדּוּקוֹ. וְהַיְּדִיעָה הִיא מֵהַיֵּצֶר הַטּוֹב שֶׁבַּלֵּב, וְהַסְתָּרַת הַיְדִיעָה הִיא מֵהַיֵּצֶר הָרָע שֶׁבַּלֵּב. וְהַסְתָּרַת הַיְּדִיעָה, **הֵן הֵן אֶפִּיקוֹרְסוּת וְקֻשְׁיוֹת**, שֶׁהַיֵּצֶר הָרָע מַקְשֶׁה אֶת לִבּוֹ לִפֹּל בְּרָעָה", וכו' עיי"ש. גם עיי"ש בסי' קנ"ה.

זאגט דער רבי, אז איך האב נישט די אמונה, אט דער חסרון הידיעה איז 'אפיקורסות שבלבו'.

ווען עס קומט צום לערנען - זאגט דער רבי אין תורה י"ב[ז] - זאל ער זיך אויסמאלן אז דער תנא (איז 'ציית לקליה'), אז א מענטש לערנט בקדושה ובטהרה קושט ער זיך מיטן תנא, עס גייט צונויף זיין רוח מיט דעם רוח פונעם תנא און עס ווערט א בחינת 'נשיקין'. דער תנא וויל זיך נישט קושן מיט קיין רשע, "וְנַעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא"[ח]. (וכשלומד במחשבה זו) - וואספארא מין אמת ליגט אין אים ביים לערנען? וואספארא מין געדאנק איז אין אים ביים לערנען?!

דער אויבערשטער זאגט[ט]: "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ה'". דער מדרש[י] ברענגט א משל: א מלך האט געהאט ביי זיך דארטן מערות. דער מלך גרייט דאך צו דארטן פאר א מלחמה באהאלטענע ערטער מיט אזעלכע מיני מערות אז מען זאל זיך קענען באהאלטן. איז געקומען איינער דארטן וואס ער איז אליין געוועזן פון דעם מלך'ס מדינה, און ער האט געטוהן דארטן א שלעכטע זאך און ער

[ז] וזל"ש (ע"פ קיצור ליקו"מ): "**כְּשֶׁאָדָם לוֹמֵד בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה אֵיזֶה דִּין וּפְסָק וְתוֹרָה שֶׁחִדֵּשׁ אֵיזֶה תַּנָּא אוֹ צַדִּיק אַחֵר, עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת נְשִׁיקִין, הַיְנוּ בְּחִינַת הִתְדַּבְּקוּת רוּחָא בְּרוּחָא, שֶׁנִּתְדַּבֵּק רוּחַ הַתַּנָּא עִם רוּחַ הַלּוֹמֵד, וְדוֹמֶה כְּאִלּוּ נוֹשֵׁק אֶת עַצְמוֹ עִם הַתַּנָּא וְגוֹרֵם תַּעֲנוּג גָּדוֹל לְהַתַּנָּא**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'שִׂפְתוֹתָיו דּוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר' (יְבָמוֹת צ"ז). **עַל־כֵּן צָרִיךְ לֵידַע קֹדֶם לִמּוּדוֹ שֶׁבְּשָׁעָה שֶׁיּוֹשֵׁב לִלְמֹד, הַצַּדִּיק שֶׁבְּגַן עֵדֶן צַיִּת לְקָלֵהּ**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "הַיּוֹשֶׁבֶת בַּגַּנִּים חֲבֵרִים מַקְשִׁיבִים לְקוֹלֵךְ הַשְׁמִיעִנִי" (שִׁיר הַשִּׁירִים ח' יג) (בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ לֶךְ־לְךָ צ"ב.). וּצְרִיכִין לְקַשֵּׁר אֶת עַצְמוֹ עִם הַתַּנָּא אוֹ הַצַּדִּיק שֶׁחִדֵּשׁ וְגִלָּה זֹאת הַתּוֹרָה שֶׁלּוֹמֵד, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה נְשִׁיקִין וְכוּ' כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה יִזְכֶּה לִתְשׁוּבָה לְחַדֵּשׁ יָמָיו שֶׁעָבְרוּ בַּחשֶׁךְ, וְכָל זֶה כְּשֶׁלּוֹמֵד תּוֹרָה לִשְׁמָהּ כְּדֵי לְקַיֵּם מִצְוַת תַּלְמוּד תּוֹרָה שֶׁשָּׁקוּל כְּנֶגֶד כֻּלָּם, וְלִזְכּוֹת עַל־יְדֵי־זֶה לְקִיּוּם הַתּוֹרָה, אָז רוֹאֶה בַּתּוֹרָה רַק מַשְׁמָעוּת טוֹב, כִּי יוֹדֵעַ שֶׁמָּה שֶׁיֵּשׁ בַּתּוֹרָה מַשְׁמָעוּת לְהֵפֶךְ, הוּא בְּכַוָּנָה מֵאֵת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּמְבֹאָר בִּפְנִים. אֲבָל כְּשֶׁלּוֹמֵד רַק בִּשְׁבִיל שֶׁיִּהְיֶה נִקְרָא לַמְדָן וְכַיּוֹצֵא, אֲזַי נְבֵלָה טוֹבָה הֵימֶנּוּ, וּבְוַדַּאי אֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ עִם רוּחַ הַתַּנָּא, **וְעָלָיו כְּתִיב: "וְנַעְתָּרוֹת נְשִׁיקוֹת שׂוֹנֵא"** (מִשְׁלֵי כ"ז ו), **כִּי הַתַּנָּא אֵינוֹ יָכוֹל לִסְבֹּל רוּחוֹ שֶׁל תַּלְמִיד־חָכָם שֵׁד יְהוּדִי**".

[ח] משלי כז, ו.

[ט] ירמי' כג, כד.

[י] תנחומא נשא פ"ה.

האט זיך באהאלטן אין דעם ארט. (אמר המלך:) פאר מיר באהאלטסטו זיך? איך האב דאך געמאכט די ערטער? איך האב דאך געמאכט די מטמוניות – באהאלטסטו זיך פאר מיר דארטן?! - זאגט דער מדרש, אז א מענטש באהאלט זיך פארן אויבערשטן, זאגט אים דער אויבערשטער: פאר מיר באהאלטסטו זיך? די אלע באהאלטענע זאכן ווייס איך דאך, "אם יסתר איש במסתרים", פאר מיר באהאלטסטו זיך?!

מען זעהט דאך - דאס ענין פון בושה - אז איך וויל טוהן אַן עוולה וועל איך זיך שעמען פאר א קליין קינד, איך האב מורא דאס קינד וועט דערציילן - שעם איך זיך. נו, מיר זענען דאך פארן אויבערשטן, 'מלא כל הארץ כבודו', 'אם יסתר איש במסתרים'. נאר פארוואס איז אזוי, ווייל די אמונה פעלט, די אמונה איז נישטא, די אמונה פון 'מלא כל הארץ כבודו', די אמונה. (וזו כוונת:) 'עיקר הגלות' איז נאר 'בשביל חסרון אמונה'.

בשעת דער בית המקדש איז געווען און די אידן זענען געווען אין בית המקדש איז געווען גאר געוואלדיג - ממש רוח הקודש איז געווען! אזא מין אמונה, עס האט אזוי געשיינט דער אור, די לעכטיגקייט האט אזוי געשיינט - ממש אזוי ווי מען זעהט דעם אויבערשטן, אזא מין התגלות איז דעמאלט געווען! די וואס זענען געווען גראב זענען טאקע געווען גראב, דער בית המקדש איז דאך חרוב געווארן צוליב זיי - דעמאלט איז דאך אויך געווען גרויסע רשעים. אבער די וואס זענען געווען פון די צדיקים, פון די יראים וכשרים, זענען געווען געוואלדיג!

❖

## נישט איבערהאקן דאס דביקות

(ממשיך בתורה ז:) 'עיקר הגלות' איז נאר 'בשביל חסרון אמונה', אזוי ווי עס שטייט: "תָּבוֹאִי, תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה"[יא] - די גאולה וועט זיין נאר פון 'ראש אמנה'. זאגט

[יא] שיר השירים ד, ח.

דער רבי: "וֶאֱמוּנָה הוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה" - אמונה איז די זאך פון תפילה, (כמ"ש:) "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה"[יב] - מאכט דער תרגום: "פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ".

עס איז דא צוויי טייטשן אז 'אמונה איז תפילה'. (איינס,) ווייל אז איך האב אמונה בעט איך דעם אויבערשטן. און דער עיקר (- צווייטנס), רעדט דער רבי אין דער תורה, אז בשעת דער מענטש בעט דעם אויבערשטן, זאל ער גלויבן ["שיש מחדש" -] אז דער אויבערשטער איז א 'מחַדש', און אז 'ער' קען מיר טוהן דער זאך - "ובידו לחדש הכל כרצונו".

"ויהי ידיו ואמונה" - מאכט דער תרגום: "פרישן בצלו". די תפילה מוז זיין אויסגעקנעט מיט אמונה, יעדעס ווארט וואס איך רעד צום אויבערשטן דארף זיין 'אמונה'. (למשל:) אז איך בעט דעם אויבערשטן אויף 'דעת', (זאל איך וויסן) - "אתה חונן" - דער אויבערשטער, ער קען מיר געבן דעת. ממילא, אז איך גלויב באמונה שלימה אז נאר דער אויבערשטער קען מיר געבן דעת, איז בשעת איך בעט דעם אויבערשטן אויף דעת איז דאס אַן אנדערע תפילה!

אז איינער האט דארטן א צרה און ער בעט דארטן א שר ער זאל אים העלפן - אז ער ווייסט אז דער שר קען אים העלפן (דעמאלט) רעדט זיך גאר אנדערש צו דעם שר, ממש ער רעדט מיטן הארץ, דער שר פילט אז יענעמ'ס הארץ רעדט ביי אים. ווייל ער ווייסט אז דער שר קען אים העלפן.

דאס איז אלץ כלול אין דעם ווארט פון 'ישוב הדעת'. אזוי, אז מען איז זיך נישט מיישב, מיינט מען (אז מען האט שוין אמונה) - מען דארף זיך גוט מיישב זיין אויף דעם וואס מען איז ווייט פונעם אויבערשטן ווייל מען איז ווייט פון ישוב הדעת[יג]... מען איז זיך נישט מיישב.

---

[יב] שמות יז, יב.

[יג] ע"פ תורה י' ח"ב.

דאס איז טאקע אין צווייען: מען דארף טאקע זיין כסדר בשמחה וואס ברוך השם מען רעדט דערפון און מען ווייסט דערפון - אבער מען דארף זיך נישט לאזן נארן, מען דארף זיך נישט לאזן נארן!

דער דאוונט און דער דאוונט, דער שטייט שמונה עשרה און דער שטייט שמונה עשרה - און דער איז מער אדוק אינעם אויבערשטן און מער מקושר צו די ווערטער. ווער ווייסט דאס? נאר דער בורא כל עולמים! ער ווייסט - פארוואס איז דער מער מקושר צום אויבערשטן? ווייל ער האט מער אמונה! ער האט מער אמונה אז דער אויבערשטער שטייט לעבן אים! דער רבי זאגט[יד]: 'תפילה' איז טייטש 'התחברות', דביקות!

נאך א זאך - און דאס זעהט מען, וואס דער מענטש איז ווייטער פון די תאוות און פון די תענוגים קען ער זיין מער דבוק אינעם אויבערשטן! די אלע תאוות זענען אויך א מין דביקות, דערפאר אז דער מענטש איז דבוק אין אנדערע הנאות און אין אנדערע תענוגים קען ער נישט זיין אזוי דבוק אינעם אויבערשטן ווען עס קומט צום דאווענען, וויבאלד ער האט אין זיך אנדערע דביקות'ן; כאטש בשעת'ן דאווענען האט ער נישט קיין אנדערע דביקות'ן, אבער דאס דביקות פון פריער און דאס דביקות וואס ליגט אין געדאנק - דאס האקט איבער, ער קען נישט זיין אזוי דבוק אינעם אויבערשטן, עס כאפט זיך אריין אנדערע זאכן. דערפאר, די צדיקים טאקע וואס זיי זענען דבוק נאר אינעם אויבערשטן אליין, איז דאס טאקע אַן אנדערע דביקות.

רבי אלחנן (ספעקטאר ז"ל) האט געזאגט - עס שטייט אין זוהר - מען זאגט ביים דאווענען "וקדושים בכל יום יהללוך סלה". וואס איז דאס ווארט 'סלה'? 'סלה' איז דער טייטש: 'אייביג'! די 'קדושים' - זיי לויבן דיר אייביג - ווייל עס האקט נישט איבער קיין שום זאך אינדערמיט, ביי זיי איז 'סלה'. 'קדושים' - די הייליגע מענטשן וואס זיי האבן נישט קיין שום אנדערע תענוגים נאר דער אויבערשטער איז זייער

---

[יד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' פ"ד.

תענוג - זיי לויבן דיר 'סלה'. אבער אַן אנדערער וואס איז נישט פון די קדושים, אז ער דאווענט האקט זיך אים איבער - ווייל עס איז דא אין אים אנדערע תענוגים - אפילו ער פילט נישט פארוואס דאס איז, אבער אזוי איז דאס.

פארוואס טאקע? נאר אזוי ווי דער מענטש ווייסט אז אין יעדע זאך איז דא 'הונדערט פראצענט', און עס איז דא 'איין פראצענט' 'צוויי פראצענט', (כמו"כ לענייננו,) וואס דער מענטש איז ממעט אין אנדערע תענוגים און ער גיט זיך איבער מער צום אויבערשטן - ווען עס קומט צום דאווענען און צום לערנען איז ער מער דבוק אינעם אויבערשטן. פארוואס? ווייל ער וויל נישט קיין אנדערע דביקות'ן! איי זיי זענען יא דא (התאוות)? בעט ער דעם אויבערשטן און ער איז זיך מיישב - ער וויל נישט! ממילא ווען ער קומט צו א דביקות צום אויבערשטן - ביי תורה, צו א מצוה, צו א מצוה פון צדקה, איז עס מיט אַן אנדערע אמת, עס איז מיט אַן אנדערע דביקות צום אויבערשטן!

❖

## "תפילה למעלה מהטבע"

"וְזֶה בְּחִינַת נִסִּים לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע". פון אמונה ווערט תפילה, ווערט דער נס. "כִּי הַתְּפִלָּה לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע".

לעתיד וועט זיין השגחה אליין! דער רבי זאגט טאקע אין דער תורה פון "תקעו תוכחה", אז דער אויבערשטער וועט דעמאלט פירן (דער וועלט) מיט השגחה אָן א דרך הטבע. איצטער איז עס מלובש אין די מזלות אין די כוכבים, דאס איז אלץ טבע, ביינאכט איז פינצטער, בייטאג איז לעכטיג - עס שיינט די זון, ביינאכט - די לבנה, די שטערן, און רעגן, דאס איז אלץ מערכת המזלות.

טאקע די אלע חפשיים קענען א טעות האבן, אזוי איז עס, זומער איז הייס, ווינטער איז קאלט, ווינטן, די השגחה איז מלובש אין טבעיות. בשעת עס איז געווען

דער בית המקדש און דער אור הפנים האט זייער געשיינט, איז די השגחה האט מער געשיינט, די השגחה איז געווען מער לעכטיג. לעתיד וועט דער אויבערשטער פירן בהשגחה לבד! אזוי זאגט דער רבי אין תורה "תקעו תוכחה", נאר השגחה אליין! אָן קיין שום דרך הטבע, דעמאלט וועט דער אויבערשטער פירן אזוי.

(קורא מכפנים:) זאגט דער רבי אזוי: "כִּי אָז יִתְגַּלֶּה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּרָא הַכֹּל, וְאָז יְחַדֵּשׁ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּבְחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וְעִקַּר קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא, שֶׁשָּׁם הוּא הַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ תָּמִיד, בִּבְחִינַת (דְּבָרִים י"א): 'תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ מֵרֵאשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה'; וְלֶעָתִיד, שֶׁיְּחַדֵּשׁ אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּבְחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל, אָז יִתְנַהֵג כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ עַל יְדֵי הַשְׁגָּחָה לְבַד, כְּמוֹ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!"

מען האט גערעדט טאקע פון דעם וואס דער רבי זאגט "כמו ארץ ישראל". ארץ ישראל, זאגט דער רבי דארטן, איז השגחה אליין; 'תמיד עיני ה' אלקיך בה', דאס איז ארץ ישראל. האט מען גערעדט טאקע דאס גרויסקייט פון ארץ ישראל. דער רבי זאגט דא: "וְלֶעָתִיד יְחַדֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּבְחִינָה זוֹ שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ... אָז יִתְנַהֵג כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ עַל יְדֵי הַשְׁגָּחָה לְבַד, כְּמוֹ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל". קומט אויס, אז ארץ ישראל איז נאר השגחה אליין, דעמאלט וועט דער אויבערשטער פירן די גאנצע וועלט 'אזוי ווי ארץ ישראל, "וְאָז יִתְבַּטֵּל הַטֶּבַע לְגַמְרֵי, וְיִתְנַהֵג הָעוֹלָם עַל יְדֵי הַשְׁגָּחָה לְבַד, שֶׁהוּא בְּחִינַת נִפְלָאוֹת, שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע".

קומט אויס, פארוואס איז דער גאנצער נסיון מיט דער בחירה? פארוואס האט דער מענטש א בחירה - ער קען זיך בוחר זיין שלעכטע זאכן? ווייל עס איז טבע, דער אויבערשטער האט מלביש געווען די השגחה אין א דרך הטבע! אז מען וויל אפרייסן דער טבע פון השגחה איז דאס אפיקורסות, אבער עס איז פארט מלובש. אבער דעמאלט וועט דער אור החמה זיין שבעתיים, און די לבנה וועט זיין כאור החמה, און די כוכבים (וכו') – עס וועט זיין השגחה לבד. איצטער איז דאך אלץ

טבע, דארף מען האבן שכל, מען דארף האבן אידישקייט, אז די טבע נעמט זיך פון השגחה – (און ווייל עס איז נישט אזוי) טוהט זיך טאקע וואס טוהט זיך, טוהט זיך וואס טוהט זיך.

זאגט דער רבי דא (בתורה ז'): "וְזֶה בְּחִינַת נִסִּים לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע, כִּי הַתְּפִלָּה לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע, כִּי הַטֶּבַע מְחַיֵּב כֵּן, וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע, וְזֶה דְּבַר נֵס, וְלָזֶה צָרִיךְ אֱמוּנָה, שֶׁיַּאֲמִין שֶׁיֵּשׁ מְחַדֵּשׁ וּבְיָדוֹ לְחַדֵּשׁ דָּבָר כִּרְצוֹנוֹ" - דערצו דארף מען האבן אמונה, גלויבן אז עס איז דא א מחדש.

מאכט דער רבי די אלע זאכן גאר פאר איינס: פון 'תפילה' ווערט א 'נס' - אבער די תפילה דארף האבן 'אמונה', ווייל פון תפילה אָן אמונה ווערט נישט דער נס. ווען ווערט דער נס? אז בשעת איך בעט דעם אויבערשטן דער זאך גלויב איך אז דער אויבערשטער ער איז דער מחדש, ער קען מיר טוהן דער זאך - איך דארף האבן אמונה אין דער זאך, דעמאלט ווערט דער נס.

❖

## "בארץ ישראל קל לאדם לבא למדריגות גדולות"

און דער עיקר אמונה, תפילה, נסים, איז אין ארץ ישראל. קומט אויס, אז דער עיקר תפילה, וואס פון תפילה ווערט נסים, איז נאר דורך אמונה, און דער עיקר איז אין ארץ ישראל.

נו, מיר זענען דאך ברוך השם אין ארץ ישראל - און דער רבי רעדט דאך אזעלכע גרויסקייטן פון ארץ ישראל. דער רבי זאגט דאך אז לעתיד וועט דער אויבערשטער פירן (דער גאנצער וועלט מיט) "נפלאות שלא כדרך הטבע כמו ארץ ישראל". "תמיד עיני ה' אלקיך בה" איז 'ארץ ישראל'; "עיני ה'" איז השגחתו יתברך. איצטער אין גלות איז די השגחה פונעם אויבערשטן אין ארץ ישראל - און די גאנצע וועלט דארף מקבל זיין פון ארץ ישראל. לעתיד וועט זיין 'השגחה אליין' אויף דער גאנצע וועלט!

נו, איז דאך אויך א קשיא, אז מיר זענען דאך איצטער אין ארץ ישראל דארף דאך דא שיינען די אמונה מערער? נאר ארץ ישראל – זאגט דער רבי, איז אזוי ווי דער צדיק, אזוי ווי דער צדיק איז נעלם, אזוי איז ארץ ישראל אויך נעלם! מיר בעטן דאך דארטן תפילות 'מען זאל קומען אין ארץ ישראל' - מיר זענען דאך דא אין ארץ ישראל? (אלא הכוונה: 'מיר זאלן) קומען צו קדושת ארץ ישראל!'

עס שטייט אין זוהר הקדוש[טו], אז דא איז אַן אנדער הימל, דא איז אנדערע עולמות; די גאנצע וועלט איז עולם העשייה און דא איז דער עולם היצירה. [דער הר הבית איז בריאה, און דער קדשי קדשים איז עולם האצילות] - איז דאך דא אַן אנדער עולם גאר. דארף מען דאך אלץ האבן אמונה ווי אזוי ארץ ישראל איז זייער גרויס און זייער הייליג. קומט דאך אויס, אז מיר זענען דא, איז דא אויף אונז מער אחריות.

אז איינער גייט אריין אין היכל המלך און ער מאכט דארטן א געלעכטער איז ער ממש א מורד במלכות - 'דו ביסט דאך אין היכל המלך! דו ביסט דאך דא אין ארץ ישראל!' דא איז דאך די השגחה תמיד, "תמיד עיני ה' אלקיך בה"! דער "היוצר עין הלא יביט" און דער "עין רואה" איז דאך דא מערער ווי אומעטום!

דאס קען מען נישט פארשטיין - דער זוהר זאגט[טז]: "אחורי כתפא" - אין תורה י"ג[יז]. מיר ווייסן נישט וואס מיינט 'אחורי כתפא', אבער די השגחה פון דאנעט איז מערער ווי אומעטום! "תמיד עיני ה' אלקיך בה", די גאנצע וועלט נעמט פון דאנעט, און מיר זענען דאך דא אין ארץ ישראל! דאס אייגענע איז אויך, מיר זענען דאך מקושר צום צדיק, מיר ווערן דאך אנגערופן אויף זיין הייליגן נאמען - 'ברסלב'ער

---

[טו] עי' זוה"ק ויקהל דף רט.

[טז] עי' זוהר חוקת דף קפד.

[יז] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' נ"א: "עַל יְדֵי הַשְׁגָּחַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲפִלּוּ אַחַר הַפְּעֻלָּה, שֶׁהוֹצִיא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, כָּל הַדְּבָרִים הֵם בְּאַחְדוּת עִמּוֹ. **וְהָרָע יוֹנֵק מֵהַשְׁאָרַת הַהַשְׁגָּחָה, הַיְנוּ מֵאֲחוֹרֵי כַּתְפֵּהּ כַּיָּדוּעַ**".

חסידים׳. נאר עס איז איצטער אזא מין הסתרה און אזא מין העלמה, אז יעדע זאך איז נעלם - ארץ ישראל איז נעלם, און דער צדיק איז נעלם! דער ענין טאקע פון רעדן דיבורים צום אויבערשטן דאס איז אלץ אויפצודעקן די העלמות![יח]

דער מענטש אליין איז אויך נעלם, דער מענטש אליין האט אין זיך געוואלדיגע טוב, נאר ער איז אזוי פיל נעלם אז ער ווייסט אליין נישט פון זיין טוב. אזוי ווי מיר רעדן דא אז ארץ ישראל איז אזוי הייליג און דער צדיק איז אזוי הייליג - דער מענטש אליין איז אויך הייליג. דער רבי זאגט אין א תורה[יט] - ׳אין מיר איז דא אזא מין נקודה וואס דארט איז ׳שורה אהבה דקדושה׳ - די נקודה איז דא אין מיר, נאר עס איז נעלם! איך האב אין זיך א כח וואס מיט דעם כח קען איך עפעס טוהן – דער כח איז דא אין מיר, עס ליגט אין מיר א נקודה וואס ׳שם שורה אהבה קדושה׳ - און איך בין אזוי אפגעלאזט אז איך ווייס אליין נישט מיין כח. די צדיקים שרייען: ׳געוואלד, פארוואס ביסטו אזא שלימזל׳ניק? פארוואס ניצטו נישט אויס דיינע כוחות? דו האסט דאך כוחות, דו האסט דאך א פארמעג, פארוואס ניצטו דאס נישט אויס?!׳

(השואל: וואס שטייט אין תורה י״ג?) דער רבי רעדט דארט[כ], אז אויף אונז איז דער אויבערשטער משגיח ׳השגחה שלימה׳, און אויף די אומות העולם איז ׳חצי הראות׳

---

[יח] עי׳ ליקוטי מוהר״ן סי׳ נ״ד, אות ו׳: ״בַּלַּיְלָה, שֶׁאָז הוּא פִּקְדּוֹנוֹת הָרוּחוֹת, בְּחִינַת: ״בְּיָדְךָ אַפְקִיד רוּחִי״ הַנַּ״ל, אֲזַי הַזְּמַן לְקַבֵּץ הָרוּחַ טוֹבָה מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה. הַיְנוּ שֶׁאָז עִקַּר הַזְּמַן שֶׁל הַהִתְבּוֹדְדוּת, **לְהִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**, וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לָשׂוּחַ עִם לְבָבוֹ, **וּלְחַפֵּשׂ הָרוּחַ טוֹבָה, דְּהַיְנוּ הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן, לְבָרְרָם מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה**״.

[יט] ליקוטי מוהר״ן סי׳ ל״ד, אות ח׳: ״**נִמְצָא שֶׁצָּרִיךְ כָּל אֶחָד לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, כְּדֵי שֶׁיָּאִיר בְּחִינַת נְקֻדָּה**, בְּחִינַת: ״פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת״, לְהַוָּאו, שֶׁהוּא בְּחִינַת: ״וְהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת״. **וְעַל יְדֵי זֶה נִתְבַּטֵּל עָרְלַת לִבּוֹ, הַיְנוּ חֲרָפוֹת, הַיְנוּ אֲהָבוֹת רָעוֹת**״, וכו׳, עיעו״ש.

[כ] וזל״ש, אות ד׳: ״וְכָל אֶחָד, כְּפִי קֵרוּבוֹ אֶל הַתּוֹרָה, כֵּן הַשְׁגָּחַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עָלָיו. כִּי עִקַּר כֹּחַ הָרְאוּת, מֵחֲמַת שֶׁמַּכֶּה בַּדָּבָר הַנִּרְאֶה, וְחוֹזֵר כֹּחַ הָרְאוּת מֵחֲמַת הַהַכָּאָה לָעֵינַיִם, וְנִצְטַיֵּר הַדָּבָר הַנִּרְאֶה בָּעֵינַיִם, וְאָז הָעֵינַיִם רוֹאִים אֶת הַדָּבָר הַנִּרְאֶה, כִּי הָרְאוּת מֵבִיא אֶת הַדָּבָר לְתוֹךְ הָעֵינַיִם. אֲבָל כְּשֶׁהַדָּבָר הַנִּרְאֶה הוּא רָחוֹק, אָז קֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ כֹּחַ הָרְאוּת לְהַדָּבָר הַנִּרְאֶה, מִתְפַּזֵּר בְּתוֹךְ הָאֲוִיר וְנִתְעַכֵּר, וְאֵין מַגִּיעַ בְּהַכָּאָה

- דאס קען מען נישט אזוי פארשטיין, אבער אזוי שטייט אין זוהר הקדוש. אבער דאס הייסט אז די השגחה אויף אידן איז מערער ווי די השגחה אויף די גוים. און ווייטער, די השגחה אויף ארץ ישראל איז מערער ווי די השגחה אויף חוץ לארץ.

אז מען וויל זיך טאקע נעמען צו א אידישע זאך - דא אין ארץ ישראל איז דאס גרינגער ווי אין חוץ לארץ. ווייל 'השגחתו יתברך' איז דא מערער, ממילא איז דער מענטש נענטער צום אויבערשטן![כא] אבער דאס גייט אויך אויף צוריקוועגס, אזוי ווי די גמרא זאגט אז דער יצר הרע לאזט אפ דער גאנצער וועלט און נעמט זיך צו די אידן, און ער לאזט אפ אלע אידן און נעמט זיך צו די תלמידי חכמים - אט דאס קען מען דא אויך זאגן, דא ליגט דער יצר הרע מערער, ווייל ער ווייסט אז דא איז מער די השגחה און דא קען מען מער זוכה זיין! אזוי ווי ווען איינער וויל זיך נעמען צו אידישקייט נעמט זיך דער יצר הרע צו זיינע ביינער - ער לאזט אים נישט אפ, אזוי ווייטער איז דא דאס אייגענע.

ממילא קומט דאך אויס - וואס דארף ער זיך נעמען? זאל ער זיך בעסער אפלאזן - אזוי וועט דער יצר הרע אים אויך אפלאזן? דער תירוץ איז נישט אזוי, אין אלע צייטן איז דער כח הקדושה מערער, נאר דער יצר הרע האט אין זיך אזא מין כח אז עס זאל זיך דאכטן אז בשום אופן וועל איך אים נישט קענען כובש זיין - 'איך קען אים נישט כובש זיין!' און אז ער (מיינט אז ער) קען אים נישט כובש זיין - לאזט ער אפ! 'איך זעה דאך ממילא אז איך בין פארפאלן - איך קען נישט!' - אט דאס איז א

---

עַל הַדָּבָר, וְעַל יְדֵי זֶה אֵין חוֹזֵר הָרְאוּת לָעֵינַיִם, וְאָז אֵין הָעֵינַיִם רוֹאִין, כִּי עִקַּר הָרְאוּת הוּא מֵחֲמַת הַהַכָּאָה. ... וְעַל יְדֵי שֶׁאֲנַחְנוּ קְרוֹבִים אֶל הַתּוֹרָה, נִמְצָא שֶׁאֲנַחְנוּ קְרוֹבִים אֶל הָרְאוּת, וְעַל יְדֵי זֶה כֹּחַ הָרְאוּת נֶחֱזָר לְעֵינָיו, וְנִתְרָאִים וְנִצְטַיְּרִים אֲנַחְנוּ בְּעֵינָיו. אֲבָל הָעַכּוּ"ם, מֵחֲמַת שֶׁהֵם רְחוֹקִים מֵהַתּוֹרָה, הֵם רְחוֹקִים מֵהַשְׁגָּחָתוֹ, וְהַשְׁגָּחָתוֹ אֵין מַגִּיעַ עֲלֵיהֶם בְּהַכָּאָה. **נִמְצָא הַשְׁגָּחָתוֹ עַל הָעַכּוּ"ם בַּחֲצִי הָרְאוּת**, בִּבְחִינַת רָצוֹא, **וְעָלֵינוּ הַשְׁגָּחָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת**".

[כא] עי' ספה"ק "נועם אלימלך" פר' דברים: "דארץ ישראל מקודשת מכל ארצות בית המקדש של מטה מכוון כנגד מקדש של מעלה **ושם בקל הוא לאדם לבא למדרגות גדולות**". גם עי' ספה"ק "בת עין" פר' וישלח: "ארץ ישראל קדוש הוא, **והמקום מסייעו לעבודת הבורא**, למי שרוצה באמת לעבדו בלב שלם קדושת המקום בוודאי מסייע לו, **אבל חו"ל שהוא מקום מדור הקליפות אינו כל כך בנקל לעבוד הבורא ב"ה**".

כפירה! ווייל דער כח הקדושה איז מערער! נאר וואס דען? ער איז נעלם, ער איז אין א געוואלדיגע העלמה!

מיט די עצות פונעם צדיק, און דער עיקר איז - מיט תפילה, און מצוות מעשים טובים, און מיטן רעדן איינער מיטן אנדערן, און לערנען די ספרים פונעם צדיק - אט דאס דעקט אויף די העלמה אז עס הויבט עפעס אָן אין מיר צו שיינען אז איך זעה - 'איך האב דאך אין זיך יא עפעס א כח!'

ווענ'זשע זעה איך מיין כח? דורך די עצות פונעם צדיק הויב איך אָן צו זעהן מיין כח!

אזוי ווי דער צדיק איז אזוי נעלם אז מען קען זיין לעבן דעם צדיק און מען זאל גארנישט פילן - אזוי ווי די מערת המכפלה איז דאך געווען ביי עפרון'ען און ער האט עס פארקויפט בשמחה רבה פאר פיר הונדערט שקלים און איז פרייליך געווען, עס איז גארנישט ווערד געווען (ביי זיי) אזוי פיל[כב]. אלע האבן אים אנגעקוקט ווי א גזלן א רוצח - 'דו נעמסט אזוי פיל געלט?!' - דעמאלט איז דאס געווען אסאך געלט. אבער דער אמת איז, אז עס איז געווען א הון רב, עס איז ווערד מיליארדן! נאר ער האט נישט געוואוסט! אזוי אויך, מיר זענען דא אין ארץ ישראל ממש, אין ירושלים, מען גייט צום כותל, מען גייט צו אזעלכע הייליגע ערטער - און מען פילט נישט... פארוואס איז דאס אזוי? אלץ דערפאר ווייל עס איז נעלם! און צו דער העלמה איז דא נאר די עצות פונעם צדיק - אזוי קען מען אויפדעקן.

❖

[כב] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' י"ז, אות ב': "כִּי **לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁנֶּחֱשָׁךְ אֵצֶל אֶחָד אוֹר הַצַּדִּיק**, וְאֵינוֹ זוֹכֶה לְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל; וְאַף שֶׁהוּא אֵצֶל הַצַּדִּיק, אֵינוֹ יָכוֹל לִטְעֹם וּלְהָבִין וְלִרְאוֹת אוֹרוֹ הַגָּדוֹל שֶׁל הַצַּדִּיק, שֶׁעַל יָדוֹ יוּכַל לָבוֹא לְתַכְלִית הַטּוֹב. **וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ גַּבֵּי עֶפְרוֹן**, שֶׁמְּקוֹם מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, שֶׁהוּא שַׁעַר גַּן עֵדֶן, שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם עוֹלִין כָּל הַנְּשָׁמוֹת, וְאוֹרוֹ גָּדוֹל מְאֹד, אַף עַל פִּי כֵן **אֶצְלוֹ הָיָה מְקוֹם חשֶׁךְ וַאֲפֵלָה, וְעַל כֵּן מְכָרוֹ בְּשִׂמְחָה רַבָּה לְאַבְרָהָם**, כַּמּוּבָא (זֹהַר חַיֵּי שָׂרָה קכ"ח). וּכְמוֹ כֵן כְּשֶׁנֶּחֱשָׁךְ אוֹר הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא מֵאִיר בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, מִכָּל שֶׁכֵּן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְאַף עַל פִּי כֵן אֶצְלוֹ אֵינוֹ מֵאִיר כְּלָל, אַדְּרַבָּא הוּא חשֶׁךְ אֶצְלוֹ וְזֶה מֵחֲמַת עֲכִירַת הַמַּעֲשִׂים וּכְסִילוּת הַשֵּׂכֶל".

## בינד מיר צו - איך זאל נישט קענען ארויסגיין!

דער צדיק איז א בעל כח גדול - א בעל כח גדול! נאר וואס דען? מען דארף זיך אנשפאַרן אין אים! אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט צום רבי'ן: "בינד צו, איך זאל נישט קענען ארויס!"[כג]. אויף יעדן איינעם איז געזאגט געווארן: 'ארייגעגנארט אין זאק אריין!'. דארף מען זאגן: 'בינד צו, איך זאל נישט קענען ארויס, איך זאל נישט אנטלויפן!'.

אז איך בין אריינגעכאפט אין זאק, בינד שוין צו!

**מען דארף צום אויבערשטן אויך אזוי זאגן: 'בינד מיר צו - רבוש"ע, פארוואס לויף איך אוועק פון דיר? איך נעם אנדערע געדאנקען אין מח אריין - און דיר לאז איך אפ - פארוואס? איך נעם בעסער'ס? אז איך לאז דיר אפ האב איך בעסערע געדאנקען?!'**

מען זאל זיך נאר באטראכטן אין גשמיות: א מענטש אז ער לאזט אפ א גוטן געשעפט און נעמט זיך שפילצייג וואס קליינע קינדער שפילן זיך... דו קענסט דאך טראכטן פונעם אויבערשטן - דו קענסט טראכטן פון תורה, פון תפילה, גוטע געדאנקען - גיסטו א לאז אפ דעם געדאנק? פארוואס טוהסטו דאס? דאס איז אויך דערפאר ווייל ער ווייסט נישט זיין אייגענעם גרויסקייט, ער מיינט אז ער קען בשום אופן נישט איינהאלטן דעם געדאנק - 'ער מיינט אזוי', ער גיט א לויף אוועק - 'וואס זאל איך טוהן? איך קען נישט!...' עס דאכט זיך דיר אז דו קענסט נישט ווייל דו ווייסט נישט פון דיין כח, אבער דער אמת איז - 'דו קענסט יא!' דיין 'נקודה קדושה' דאס איז אלקות, א חלק אלקי, נאר דאס איז פארשטעלט.

פארוואס זענען די צדיקים געווען צדיקים? זיי האבן דען געהאט אַן אנדערע תורה, אנדערע תפילין? אז איין אות פון די תפילין איז אנדערש איז דאס פסול! זיי

---

[כג] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, קכ"ד.

האבן אויך געהאט די אייגענע תפילין און די אייגענע מצות און דעם אייגענעם שבת - אלעס וואס מיר האבן האבן זיי געהאט. נאר זיי האבן געזוכט אינעוויינינג, האט זיך פאר זיי אויפגעדעקט.

עס שטייט טאקע[כד], אברהם אבינו האט געשטאמט דארטן פון תרח'ן, פון עבודה זרה'ס און אלעס. און ער האט אנגעהויבן טראכטן - 'ווער איז דער בעל הבית פון דער וועלט? ווער האט באשאפן דער וועלט? ביינאכט האט ער געמיינט אז די לבנה, ווייל די לבנה שיינט. אינדערפרי, די לבנה ווערט אוים - ניין! (- אין זה אלוה!). בייטאג האט ער געמיינט אז די זון, אבער אז עס געקומען ביינאכט – די זון איז אוים. איז ווער איז דער בעל הבית? האט ער אנגעהויבן צו זוכן א העכערן כח - און נאך העכער - אברהם אבינו איז געווען א געוואלדיגער חוזה בכוכבים. אבער אלץ ענדיגט זיך - ווער איז דער בעל הבית? האט זיך דער אויבערשטער צו אים באוויזן - "אני!". אז ער האט גוט געזוכט און ער האט געוואלט זעהן, האט זיך דער אויבערשטער באוויזן צו אים - 'איך בין דער בעל בית פון דער וועלט!'.

אויף ארץ ישראל שטייט[כה]: "תָּקֵל בְּתִקְלָא עַד דְּאִתְגַּלְיָא לֵהּ"[כו]. ער האט געזעהן אז די גאנצע וועלט איז אנדערש - און ארץ ישראל איז עפעס אנדערש. ער איז דאך געווען אין חרן - נישט אין ארץ ישראל. (והשי"ת אמר לו:) "לך לך מארצך וממולדתך אל הארץ אשר אראך" - גיי קיין ארץ ישראל! פארוואס האט דער אויבערשטער אים געזאגט 'גיי קיין ארץ ישראל'? ווייל 'תקל בתיקלא' - ער האט געזעהן אז עס איז דא עפעס א לאנד וואס דאס לאנד איז עפעס נישט גלייך מיט דער וועלט - דער הימל איז נישט גלייך (וכו'). און אז ער האט אזוי פיל געזוכט האט אים דער אויבערשטער געזאגט - 'גיי דארט! גיי, גיי!'

---

[כד] עי' אוצר המדרשים ערך 'אברהם אבינו'.

[כה] עי' זוה"ק לך לך דף ע"ח ע"א.

[כו] - פירוש: 'שקל במשקל [לידע כח הממונים עליה] עד שנתגלה לו'.

ביי יעדן איינעם איז אויך דאס אייגענע: וואס מער דער מענטש זוכט און ער וויל מיט אַן אמת און מיט אַן עקשנות – א מענטש קען זוכן יארן(!) – באווייזט זיך דער אויבערשטער צו אים און זאגט אים און ווייזט אים.

דער רבי זאגט, אז אויף אים אליין איז אויך איבערגעגאנגען אזוי[כז]. דער רבי זאגט[כח], אז ער האט געהערט פון צדיקים (שאמרו:) 'ער האט נישט געהערט קיין שום התחזקות פון קיינעם!' ווען ער זאל ווען הערן דעמאלט עפעס איינעמ'ס התחזקות וואלט ער געלאפן - ער האט נישט געהערט.

דער רבי זאגט דאך: "וְהַכְּלָל, אֲהוּבִי אָחִי, חֲזַק!"[כט]

עס איז דא א לשון אין די תפילות[ל]: "וְאַתָּה יוֹדֵעַ שֶׁשָּׁם בְּעָלְמָא דְאָתֵי אֵין מוֹעִיל שׁוּם רַחֲמָנוּת בָּעוֹלָם, כִּי שָׁם אֵין אַתָּה וַתְּרָן כְּלָל. וְעִקַּר הָרַחֲמָנוּת שֶׁלְּךָ הוּא מַה שֶׁאַתָּה חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבַל יִדַּח מִמְּךָ נִדָּח וְאַתָּה שׁוֹלֵחַ וּמַזְמִין הִרְהוּרֵי תְשׁוּבָה בְּכָל יוֹם וָיוֹם לְכָל אֶחָד וְאֶחָד!" - ביי יעדן איינעם איז דאס דא - און דאס איז דער עיקר רחמנות פונעם אויבערשטן! דארטן איז נישט שייך קיין רחמנות! כל זמן מען דרייט זיך ארום דא, דארף מען זעהן נישט צו פארשלאפן די צייט - בפרט דורך דאס התקרבות צום רבי'ן און מיט אזעלכע הייליגע עצות!

❖

[כז] עי' שבחי הר"ן, אות י"ב.

[כח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: "**וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי גַם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם**".

[כט] שם: "וְכָל הַנַּ"ל עָבַר עַל כָּל הַצַּדִּיקִים, **כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵרוּשׁ**, שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלָל, מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ שֶׁזֶּה זְמַן רַב, שֶׁהֵם מְבַקְשִׁים וִיגֵעִים וְעוֹשִׂים וְעוֹבְדִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וַעֲדַיִן הֵם רְחוֹקִים מְאֹד מְאֹד, וְאִלּוּ לֹא הָיוּ מְחַזְּקִים עַצְמָן מְאֹד לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה, הָיוּ נִשְׁאָרִים בִּמְקוֹמָם הָרִאשׁוֹן, וְלֹא הָיוּ זוֹכִים לְמַה שֶּׁזָּכוּ. וְהַכְּלָל, **אֲהוּבִי אָחִי, חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד, וֶאֱחֹז עַצְמְךָ** בְּכָל הַכֹּחוֹת לִשָּׁאֵר קַיָּם בַּעֲבוֹדָתֶךָ, **וְאַל תָּחוּשׁ וְאַל תִּסְתַּכֵּל כְּלָל עַל כָּל הַנַּ"ל** אוֹ כַּיּוֹצֵא בָּזֶה".

[ל] תפילה נ'.

# נישט געפארן דורך 'עכו'

**"וְעִקַּר אֱמוּנָה, בְּחִינַת תְּפִלָּה, בְּחִינַת נִסִּים, אֵינוֹ אֶלָּא בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ז): 'שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה'". עס שטייט אין זוהר די היינטיגע וואך[לא] - כמה מאל שטייט עס: "לה' הארץ ומלואה" - 'דא ארץ ישראל', "תבל ויושבי בה" - דא שאר הארצות! וואו עס שטייט "ארץ" - דאסווארט 'ארץ' איז ארץ ישראל! "לה' הארץ ומלואה" - דארט איז עס 'במלואה' - בשלימות. זאגט דער רבי: דער עיקר אמונה, תפילה, און נסים, איז נאר אין ארץ ישראל.**

**ברוך השם, מיר זענען דאך אין ארץ ישראל - איז דאך די אמונה דא! דא איז דאך די תפילה! דא איז דאך די נסים!**

**עס שטייט: "שכן ארץ ורעה אמונה". וואס איז שכן? 'רוה'! 'שכן' איז דער טייטש 'רוהען'. (הכתוב אומר:) 'רוה דארטן' - זיי אין ארץ ישראל! דאס הייסט - א קביעות! לייג אריין דעם געדאנק דארטן, אזוי ווי איינער איז זיך קובע א מקום! נישט אז 'דו' ביסט דא און 'דער געדאנק' איז אין אמעריקע - דאס הייסט נישט קיין 'שכן ארץ', נאר 'רוה אין ארץ ישראל', ליג אין ארץ ישראל - 'ורעה אמונה', אזוי וועסטו זיך אנפאשען מיט אמונה!**

**[(ר' נחמן: דער רבי ברענגט: "סלע ישכן ויתלונן!") אין דער תורה "חיים נצחיים"[לב]: "סלע" מיינט מען - די 'ביאורי התורה', "משם חפר אכל" - דארט וועסטו זוכה זיין צו בושה].**

---

[לא] פר' וארא דף כ"ב ע"ב: "רַבִּי יוֹסֵי פָּתַח, (תהלים כ"ד) 'לְדָוִד מִזְמוֹר לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיוֹשְׁבֵי בָהּ'. "**הָאָרֶץ" - דָּא אַרְעָא קַדִּישָׁא דְּיִשְׂרָאֵל**, דְּאִיהִי קַיְּמָא לְאִתְשַׁקְיָיא מִנֵּיהּ, וּלְאִתְבָּרְכָא מִנֵּיהּ בְּקַדְמִיתָא, וּלְבָתַר מִנָּהּ אִתְשַׁקְיָיא עָלְמָא כֹּלָּא. "**תֵּבֵל וְיוֹשְׁבֵי בָהּ" - דָּא שְׁאַר אַרְעָאן**, דְּשַׁתְיָאן מִינָּהּ, מְנָא לָן? דִּכְתִּיב, (תהלים ט') 'וְהוּא יִשְׁפּוֹט תֵּבֵל בְּצֶדֶק'".

[לב] ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' ע"ב: "וְזֶה שֶׁכָּתוּב: **'סֶלַע יִשְׁכֹּן וְיִתְלֹנָן'** (אִיּוֹב לט, כח). **'סֶלַע'** זֶה הַבְּאֵר, בְּחִינַת בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה, בְּחִינַת: 'בְּאֵר חֲפָרוּהָ שָׂרִים' כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: 'מִשָּׁם חָפַר אֹכֶל' בְּחִינַת בּוּשָׁה כַּנַּ"ל. כִּי עַל יְדֵי

דער אויבערשטער וויל אז יעדע זאך וואס איז נוגע צו אידישקייט זאל איך האבן א קביעות דערין; א מענטש אז ער גייט עסן האט ער א קביעות - ער ליגט אין דאס עסן. אז דו טוהסט עפעס א זאך - א דאוועגען - רוה דארט, ליג דארטן, האב דארטן דעם קביעות! אז דו גייסט לערנען, דו גייסט טוהן א מצוה – האב דארטן דעם קביעות, אזוי ווי אין אנדערע זאכן האסטו א קביעות.

"וְשָׁם עִקַּר עֲלִיּוֹת הַתְּפִלּוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית כ"ח): 'וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם'" - אלע תפילות גייען דארטן ארויף. "וּבִשְׁבִיל זֶה, כְּשֶׁפָּגַם אַבְרָהָם "בַּמָּה אֵדַע" (שָׁם ט"ו)" - עס איז געווען א פגם אין דער אמונה. ווייל אז דער אויבערשטער האט דאך אים צוגעזאגט (ארץ ישראל), האט ער געזאגט "במה אדע כי אירשנה", וואס דערפאר איז געווארן גלות מצרים. [רש"י זאגט דארטן: "במה אדע" – 'וואספארא זכות האב איך צו האבן ארץ ישראל?' האט אים דער אויבערשטער געענטפערט - 'בזכות הקרבנות'. אבער דער פראסטער פשט (איז כפשוטו)]. "וּבָזֶה פָּגַם בִּירֻשַּׁת אֶרֶץ, שֶׁהִיא בְּחִינַת אֱמוּנָה, בְּחִינַת תְּפִלָּה - הָיָה גָּלוּת מִצְרַיִם" - איז געווארן גלות מצרים. קומט דאך אויס, אז וויבאלד די אמונה איז קאליע, איז די תפילה גאר אין גלות, די תפילה איז שוין אויך נישט די תפילה.

"וְדַוְקָא יַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרַיִם", ווייל יעקב ובניו דאס איז די 'שנים עשר נוסחאות התפילה'. דערפאר איז די תפילה אריין אין גלות. דער רבי זאגט: "וְהוֹרִיד אוֹתָם בְּגָלוּת". דאס הייסט, וויבאלד ער איז פוגם אין דער אמונה, איז די תפילה אין גלות, עס דאוונט זיך נישט.

"וּמִצְרַיִם הוּא הִפּוּךְ הַנִּסִּים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י"ד): 'וּמִצְרַיִם נָסִים לִקְרָאתוֹ'". "נִסִּים", זאגט דער רבי, "נָסִים לקראתו" - די נסים זענען דארטן אנטקעגן, "שֶׁאֵין שָׁם מְקוֹם הַנִּסִּים, וְאֵין שָׁם מְקוֹם הַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ט): 'וְהָיָה כְּצֵאתִי

---

בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לְבוּשָׁה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: "מִשָּׁם חָפַר אֹכֶל", כִּי הוּא מִתְבַּיֵּשׁ לְהוֹשִׁיט הָאֹכֶל לְפִיו עַל יְדֵי הַבּוּשָׁה שֶׁבָּאָה אֵלָיו כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: 'לְמֵרָחוֹק עֵינָיו יַבִּיטוּ' הַיְנוּ שֶׁרוֹאֶה וּמַבִּיט אֵיךְ הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל". עי' על זה ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ב, אות ד'.

**אֶת הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת כַּפַּי" - משה רבינו אז ער האט געוואלט דאווענען, איז ער ארויס פון דעם תחום העיר און דארטן האט ער (מתפלל געווען).**

**קומט דאך אויס, אז בשעת דער געדאנק איז אפגעלאזט פון אמונה, איז מען אפגעלאזט פון ארץ ישראל, קען מען זיין אין ארץ ישראל און מען זאל זיין אין חוץ לארץ.**

**עס ווערט געברענגט א מעשה פון דעם בעל שם הקדוש[לג], אז רבי גרשון קיטעווער איז געווען אמאל אין עכו. האט דער בעל שם אים געשריבן א בריוו: 'איך וויים נישט וואס-ווען, פרייטאג צונאכטס ביסטו געווען אין חוץ לארץ - און שבת אינדערפרי אין ארץ ישראל... עס איז דא אין עכו אזא מין ארט וואס איז ארויס (פון גבול ארץ ישראל), און פרייטאג צונאכטס האט ער געדאווענט אין דעם חלק עכו.**

**דערפאר טאקע, אמאל פלעגט מען נישט ווען פארן דורך עכו; ווען מען איז געפארן פון חיפה קיין מירון איז מען געפארן דורך אַן אנדערע וועג כדי מען זאל נישט ארויספארן פון ארץ ישראל!**

**דער רבי זאגט אין תורה מ"ז[לד], אז ארץ ישראל איז תפילין! מיט תפילין טאר מען נישט מסיח דעת זיין; אז מען איז אין ארץ ישראל גייט מען אנגעטוהן תפילין!**

❖

[לג] עי' ספר "שבחי הבעל שם טוב": שמעתי מהרב הנ"ל שפ"א אמר הבעש"ט, תמהני, בליל שבת בשעת התפילה חפשתי את ר' גרשון ולא מצאתי אותו בא"י ובשבת בבוקר בשעת התפילה ראיתי אותו בא"י. ואיני יודע מה אָדוּן בזה אם לא שהלך חוץ לתחום. ובכמה שנים בא ר' גרשון אליו ושאל אותו על דבר זה ונעלם מר' גרשון. ואח"כ נזכר כי נתנו לו מצות מילה בעכו ושבת שם. ובעכו יש שני בתי כנסיות א' בחוץ לארץ ואחד בארץ ישראל והלכתי והתפללתי בליל שבת בבית הכנסת שבחו"ל ואח"כ כאב לי לבי על דבר זה מפני מה לא התפללתי בא"י ולמחר הלכתי והתפללתי בבית הכנסת שבא"י.

[לד] וזל"ש: **"וַאֲנַחְנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, מְקַבְּלִין הַשֶּׁפַע דֶּרֶךְ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וְשֶׁפַע אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הִיא הֶאָרַת פְּנֵי יַעֲקֹב, הֶאָרַת הַתְּפִלִּין".**

# אויפגעהערט צו רעדן

ווען רבי יצחק אייזיק פון טירהאוויצע איז געווארן מקורב[לה], האט דער רבי אים געהייסן 'נישט רעדן א יאר צייט' - א יאר צייט האט ער נישט גערעדט![לו] [נאר מיטן מגיד - מיט דעם טירהאוויצער מגיד האט ער אים יא געהייסן רעדן]. ער איז געווען גאר א חלפן פריער - און ער האט אוועקגעווארפן דער פרנסה - און דא האט ער אויפגעהערט צו רעדן אינגאנצן, איז געווארן אויף אים א מחלוקת גאר אין שטוב - געוואלד, א מענטש, א שטוב און פרנסה - און ער הערט אויף צו רעדן גאר, ער איז שטום געווארן, ער רעדט נישט...

איינמאל איז געווארן אזא מין סארט מחלוקת אז דער רבי האט געזעהן אויף אים אז ער וועט עס נישט אויסהאלטן. מען האט אים אזוי שטארק גע'רודפ'ט - דער שווער האט אים שטארק גערודפט. איז דער רבי אוועקגעפארן קיין טירהאוויצע, עס איז געווען תחילת נאכט, און דער רבי איז צוגעקומען צו דער טיר פונעם שווער, אנגעקלאפט. אז דער שווער האט געזעהן אז דער רבי איז דא, האט ער אים אריינגענומען אין שטוב אריין.

רבי יצחק אייזיק איז דעמאלט געווען אין זיין חדר און געליינט קריאת שמע של המיטה מיט גרויס כוונה, און דער רבי האט אים נישט געוואלט איבערהאקן. האט דער רבי אנגעהויבן רעדן מיטן שווער: 'פארוואס רודפ'סטו דעם איידעם?' האט ער אנגעהויבן צו זאגן: 'ער האט אוועקגעווארפן דער פרנסה און ער האט אויפגעהערט צו רעדן - ער רעדט נישט! ער איז משוגע געווארן, ער רעדט גארנישט'...

דער רבי האט אים דעמאלט געזאגט: אז דו וועסט זיין דארט אין ארץ המערב - דארט איז קיינמאל נישטא קיין אידן, אז עס קומט דארטן אינדערפרי, נעמט א איד דארטן אויף דער האנט א שטיקל לעדער (רצועה של תפילין) - און דרייט, און ווען מען

---

[לה] עי' חיי מוהר"ן, אות קי"ד.

[לו] עי' תוכן הסיפור ב"כוכבי אור" - אנשי מוהר"ן, אות כ"ה-כ"ו.

רעדט צו אים - ענטפערט ער נישט. אַן ערל וואס האט קיינמאל נישט געזעהן מען זאל לייגן תפילין, קוקט אים דאס אוים ווי עפעס א משוגענער... וואס טוהט ער דא? ער לייגט עפעס לעדער אויף דער האנט - און ער וויל נישט רעדן, ער רעדט נישט... האט אים דער רבי געגעבן אנצוהערן - 'ער לייגט תפילין' דערפאר רעדט ער נישט, ער איז איצטער עוסק אין (כוונת הנחת תפילין).

דער רבי האט אים נישט אויסגערעדט דעם ווארט, דער רבי האט אים נאר געזאגט דער דוגמא, אבער פון דעם האט ער שוין (פארשטאנען:) 'ער איז איצטער עוסק אין תפילין, איצטער טאר מען נישט אויסרעדן'. הכלל, דער שווער האט צוגעזאגט דארטן דעם רבי'ן אז ער וועט אים שוין מער נישט (רודפ'ן). נאך דעם האט דער רבי זיך געזעגנט מיט רבי יצחק אייזיק'ן (ושב לביתו).

זעהען מיר דאך אז עס איז דא אזא מין (ענין, שלא להסיח דעת כמו בתפילין).

איינמאל האט דער רבי זייער געדעדט דאס גרויסקייט פון דעם רבי יצחק אייזיק'ן. האבן אונזערע לייט זייער משתוקק געווען נאך אים - ער איז דאך נפטר געווארן אזוי יונג. רופט זיך אָן דער רבי: "נו, היינט האבן מיר נת'לען!". דאס הייסט, רבי נתן![לז].

אז ער איז נישטא - איז אַן אנדערער דא, א צווייטער!

א גאנצע מעשה איז דא מיט זיין התקרבות. דער רבי איז דורכגעגאנגען דורך אים און האט עפעס א קוק געטוהן אויף אים, האט ער אוועקגעווארפן אלצדינג און נאכגעלאפן נאכן רבי'ן...

---

[לז] חיי מוהר"ן, אות שי"ג: "אָמַר הַמַּעְתִּיק, שֶׁמַּעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת הָיוּ מְקוֹנְנִים וּמְצַעֲרִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לִפְנֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְאֹד עַל פְּטִירַת הָרַב רַבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק הַנַּ"ל, וְנִחֵם אוֹתָם רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְהֵשִׁיב לָהֶם **אֲבָל עַכְשָׁו יֵשׁ לָנוּ הָרַב רַבִּי נָתָן**".

**אזוי ווי בײַ אלישע מיט אליהו'נען. וואס איז געווען בײַ אליהו'ן? אליהו איז דורכגעגאנגען דורך אלישע'ן - עס איז געווען דארטן "שנים עשר צמדים"[לח] (רינדער). האט אלישע אוועקגעווארפן די בקר - אוועקגעווארפן: "אשקה נא לאבי ולאמי ואלכה אחריך".** (ויאמר לו:) **'וואס האב איך דיר דא געטוהן?!' נאר אזוי איז דאס - אוועקגעווארפן אלעם און נאכגעלאפן אליהו'ן.**

**וואס דארטן** (בײַ רבי יצחק אײַזיק) **איז געווען ווייסט מען נישט, מען ווייסט נאר אז ער האט אוועקגעווארפן אלצדינג און נאכגעלאפן נאכן רבי'ן! דער עיקר וואס עס איז געווען ווייסט מען טאקע נישט.**

(ר' נחמן: דער רבי האט אים געטראפן בשעת ער איז געשטאנען בײַם קעסטל געלט?) **אזוי ווייזט אויס, ער איז געשטאנען דארטן אויפן גאס.**

(ר' נחמן: א חלפן אויפן גאס!) **צדיקים אז זיי ווילן, קענען זיי צוציען מיט אַן אויג! דער רבי האט געגעבן א גיי דורך - און דער רבי האט אים עפעס א ציה געגעבן. וואס דארטן איז געווען ווייסט מען נישט. ווייזן ווייזט אויס, אז ער איז געווען א געוואלדיגע הויכע נשמה דער רבי יצחק אײַזיק. מען האט דאך געוויזן פאר דעם רבי'ן דער נשמה - אז די נשמה איז דא דא![לט] - מען האט אים געוויזן וואו די נשמה איז, דער רבי איז**

[לח] מלכים-א יט, יט-כא: "וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם וַיִּמְצָא אֶת אֱלִישָׁע בֶּן שָׁפָט וְהוּא חֹרֵשׁ שְׁנֵים עָשָׂר צְמָדִים לְפָנָיו וְהוּא בִּשְׁנֵים הֶעָשָׂר. וַיַּעֲבֹר אֵלִיָּהוּ אֵלָיו וַיַּשְׁלֵךְ אַדַּרְתּוֹ אֵלָיו. וַיַּעֲזֹב אֶת הַבָּקָר וַיָּרָץ אַחֲרֵי אֵלִיָּהוּ, וַיֹּאמֶר אֶשְּׁקָה נָּא לְאָבִי וּלְאִמִּי וְאֵלְכָה אַחֲרֶיךָ. וַיֹּאמֶר לוֹ לֵךְ שׁוּב כִּי מֶה עָשִׂיתִי לָךְ. וַיָּשָׁב מֵאַחֲרָיו וַיִּקַּח אֶת צֶמֶד הַבָּקָר וַיִּזְבָּחֵהוּ וּבִכְלִי הַבָּקָר בִּשְּׁלָם הַבָּשָׂר וַיִּתֵּן לָעָם וַיֹּאכֵלוּ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אַחֲרֵי אֵלִיָּהוּ וַיְשָׁרְתֵהוּ".

[לט] עי' חיי מוהר"ן, אות שי"ג: "**מַעֲשֶׂה שֶׁל הַצַּדִּיק מוֹרֵנוּ הָרַב יִצְחָק אַייזִיק זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה**, שֶׁרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רָאָה בְּמָקוֹם שֶׁרָאָה שֶׁהָיוּ אֲגֻדּוֹת אֲגֻדּוֹת, וְדָחֲקוּ עַצְמָן לִשְׁמֹעַ תּוֹרָה, וְאָמְרוּ לְאֶחָד אֱמֹר אַתָּה לָנוּ תּוֹרָה וְאָמַר לָהֶם. וְשָׁמַע הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְהוּטַב בְּעֵינָיו מְאֹד, וְהוּא מֵבִין עַל תּוֹרָה, כִּמְדֻמֶּה שֶׁאָמַר שֶׁלֹּא שָׁמַע כָּזֹאת. **וְשָׁאַל אִם אוֹתָהּ הַנְּשָׁמָה בְּזֶה הָעוֹלָם וְהֶרְאוּ לוֹ** וְשָׁלַח אַחֲרָיו **וַהֲוָה מָה דַהֲוָה** וְקֹדֶם פֶּסַח חָלַם לְמוֹרֵנוּ הָרַב יִצְחָק אַייזִיק הַנַּ"ל כָּל הַתּוֹרָה הַנַּ"ל שֶׁשָּׁמַע הוּא, וּבָא וְסִפֵּר לוֹ בְּאֵימָה גְּדוֹלָה וּרְתֵת וְזִיעַ גְּדוֹלָה מְאֹד. וְהָלַךְ הוּא מִשָּׁם, וְנִשְׁאַר מוֹרֵנוּ הָרַב יִצְחָק אַייזִיק הַנַּ"ל חַלָּשׁוּת וְאַחַר כָּךְ בְּסָמוּךְ נִפְטַר הַנַּ"ל". (ועי' ביאור הליקוטים סי' כ"ב, מפתח א': "היא מה שנראה מבואר כוונתו הקדושה בענין הגוף [שצריך להודיעו וכו'] על נפשו ורוחו החיוני, בכח המדמה ושכל הנגלה, להיות גם הם נחשבים לגוף, כנגד עצם הנשמה בשכלה וחכמתה הנסתרה מהאדם בעצמו, [**וכן מובן מדבריו הקדושים גם בשאר מקומות, כמו בחיי מוהר"ן, במעשה של ר' יצחק אייזיק**]").

דאך געגאנגען אויף א גרייטע זאך, מען האט אים געוויזן למעלה אז עס איז דא אזא מין נשמה - דער רבי האט דאס געזעהן.

❖

## "והקפיד רביז"ל מאד על זה"

ביי יעדן איינעם קען זיין אז עס איז דא אין אים אזא הויכע נשמה וואס ער אליין ווייסט נישט! נאר וואס דען, אז ער הויבט זיך אָן ציען צו גוטע זאכן, דערוועקט זיך אין אים דער כח פון זיין נשמה און העלפט אים צו. אבער דאס קען מען נישט אליין נעמען – אים גיבן די נשמה – 'טוה!'. אפילו צדיקים וואס האבן געהאט געוואלדיגע הויכע נשמות, איז אויך, אנגעהויבן האט זיך עס אנגעהויבן אז זיי האבן זיך אנגעהויבן ציען עפעס צו אידלקייט פון זיך אליין (בבחירתם), האט אין אים אנגעהויבן שיינען זיין נשמה און האט אים געהאלפן[מ].

דער רבי האט נישט געוואלט לידן אז (מען זאגט) 'עס איז א הויכע נשמה' - נאר דער עיקר איז 'הארעווען'! דער רבי האט מקפיד געווען אז מען זאל נישט זאגן אז עס איז א הויכע נשמה, 'דער עיקר איז דאס הארעווען'![מא]

---

[מ] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות י"ח.

[מא] עי' שיחות הר"ן, אות קס"ה: "בכל פעם שהיה מספר מעוצם הפלגת מעלתו ומדריגתו הגבוה מאד מאד. היה אומר בכל פעם, אבל מאד יגעתי על זה. **איך האב זייער גיהארוויט. איך האב זייער פיל גיפאסט.** ועיקר סיפורו בפנינו דברים כאלו היה בשביל קנאת סופרים כדי שנהיה מקנאים עצמנו במעלתו הגדולה כדי שגם אנחנו נעשה כמותו ונלך בדרכיו להתייגע ולטרוח וכו' ולעבוד ה' כמותו. ופעם אחת סיפר עם אחד מענינים אלו והתפאר לפניו מעוצם גדולת מעלתו והשגתו הגבוהה העצומה וכו', כמו שמתפאר ומתגרה עם חבירו בגדולות כדי שיתקנא בו חברו. וזה האיש אמר לו: מי יוכל לבוא לזה לזכות למדריגתכם כי יש לכם נשמה גבוהה מאד בודאי?! **והקפיד רביז"ל מאד על זה.** ואמר: **זהו החסרון שלכם, שנדמה לכם שעיקר גדולת והשגת הצדיקים הגבוהים הוא רק מצד הנשמה הגבוהה שיש להם כי באמת לא כן הדבר, רק כל אחד ואחד יכול לזכות לבוא למדריגתי להיות כמוני ממש. כי העיקר תלוי רק ביגיעות ועבודות באמת.** וכן שמעתי גם כן כדברים האלה מפיו הקדוש כמה פעמים **שהעיקר תלוי רק ביגיעות ועבודות** וכו'".

עס איז געווען געוואלדיגע הויכע נשמות - ירבעם בן נבט איז געווארן א מלך אויף ארום צען שבטים, איז ער דאך געווען עפעס א כלי! די גמרא זאגט, אז ער האט געקענט אזוי פיל פנים לתורה![מב] דער אויבערשטער האט דאך אים געבעטן - וואו איז דיין תורה? "חזור" - האב חרטה, "ואני ואתה ובן ישי" - איך און דו און בן ישי וועלן שפאצירן אין גן עדן! - האט ער דאך דערמאנט פריער אים! האט ער געפרעגט: "מי בראש?" האט ער געזאגט: "בן ישי בראש!". אזוי? דו פרעגסט 'מי בראש'? איך האב דיר דאך געזאגט 'אני ואתה'! (האט ער געזאגט:) אז בן ישי איז בראש - וויל איך נישט![מג] זעהען מיר דאך, אז ער איז געווען מסתמא עפעס א כלי!

און אחאב האט געקענט אזוי פיל פנים של תורה; און מנשה האט געקענט אזוי פיל פנים של תורה. א פנים של תורה איז נישט קיין קלייניקייט.

מען האט געזאגט אויפן אלשיך הקדוש אז ער האט געקענט א פנים של תורה!

און מיט דעם אלעם זענען זיי אזוי פארקראכן איבער די תאוות לבו, און דער עיקר - די גאוה, "גסות הרוח שהיה בו בירבעם טרדתו מן העולם"![מד] דער כח פון גאוה איז אזוי פיל גרוים אז איבער א גאוה פון א קליינע צייט ווערן גיב איך אלצדינג אוועק!

מען זאגט דאך אז דער בעל שם הקדוש האט פאר הסתלקותו געבעטן מען זאל אים מציל זיין פון גיאות: 'הצילנו מגאוה' "אל תבואנו רגל גאוה"[מה].

---

[מב] עי' סנהדרין דף קג:

[מג] גמ' שם.

[מד] גמ' שם דף קא:

[מה] עי' שיש"ק ח"ה, אות תע"ט: רָאוּ פַּעַם אֶת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב בְּחַדְרוֹ אֵיךְ שֶׁרוֹעֵד מְאֹד מְאֹד, וּכְשֶׁשָּׁאֲלוּ אוֹתוֹ אַחַר כָּךְ עַל זֶה, עָנָה וְאָמַר כַּמָּה יְגִיעוֹת צָרִיךְ הָאָדָם עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְגִלּוּי אֵלִיָּהוּ פַּעַם אַחַת בְּמֶשֶׁךְ יְמֵי חַיָּיו, וְכַמָּה יְגִיעוֹת צָרִיךְ עַד שֶׁיִּהְיֶה אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא בָּא אֵלָיו מִדֵּי יוֹם. וְכַמָּה יְגִיעוֹת צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא עוֹמֵד בַּחוּץ וְאֵינוֹ נִכְנָס אֶלָּא בִּרְשׁוּת (כִּי אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי רַבּוֹ שֶׁל אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָיָה רַבּוֹ שֶׁל הַבַּעַל שֵׁם טוֹב). "**וְעִם הִרְהוּר קַל אֶחָד שֶׁל גַּאֲוָה יְכוֹלִים לְהַפְסִיד אֶת הַכֹּל**". גם עי' בספה"ק

# נישט געכאפט דעם רמז

(השואל: וואס איז געווען די מעשה אז רבי יצחק אייזיק איז נפטר געווארן אזוי יונג?) **די מעשה איז געווען אזוי**[מו], **ער איז עפעס געקומען צום רבי'ן, און** (אויפן וועג, אין אכסניא) **האט זיך אים גע'חלומ'ט עפעס א תורה, און די תורה האט דער רבי געדארפט צו זאגן - א הויכע סארט תורה האט ער געחלומ'ט - ער איז דאך געווען א הייליגער מענטש. אז ער איז געקומען צום רבי'ן האט ער געוואלט זאגן פארן רבי'ן דער תורה, אבער דער רבי האט זיך אזוי משמיט געווען אז ער זאל נישט זאגן, און ער האט זיך דאס נישט אנגעשטויסן** (- לא שם לב אל הרמז), **האט דאס געהייסן א 'מורה הלכה בפני רבו'**[מז]. **דער רבי האט געוואלט זאגן דער תורה - און ער האט דערלאנגט דער תורה אין חלום, אבער דער רבי האט דאך אים** (מרמז געווען אז ער זאל נישט זאגן).

**דאס איז אויך דאס אייגענע: די צדיקים, זאגן - זאגן זיי נישט, זיי קענען מפקיר זיין א מענטשן!**[מח] **נאר וואס דען? רמזים זאגן זיי יא; דארף מען זיך אנקוקן צו די**

---

"**נוצר חסד**" אבות פ"ד משנה ד', וז"ל: **ענין גאוה הוא ממש עבודה זרה, ואין עצה להמלט ממנו אלא השם יתברך עוזר**, וארבע מאות פרקי דמס' עבודה זרה של אברהם אבינו (עי' עבו"ז די"ד ע"ב) היו מענין גאוה, כי גאוה, ממש עובד אל נכר והוא עצמו עבודה זרה צואה רותחת. **ומרן אלקי קודש הקדשים אור שבעת הימים רבינו הקדוש אשר החיה את נפשינו וגאל אותנו מן היצר ומרשת הסטרא אחרא ומטעות קליפות נגה הבל וריק, ודיבק נפשינו הר"ב ישרא"ל ב"ן אליעז"ר, עפר ואפר אני תחת כפות רגליו אם אזכה, והלוואי שאזכה להיות עפר תחת כפות רגליו, יצאה נשמתו בטהרה ואמר אלהי רבון כל העולמים** (תהלים ל"ו) **אל תבואני רגל גאוה**. ובכך יצאה נשמתו של מרן הקדוש אלוהיי **רבינו יצחק לוריא** ואמר בלשון שפניא, **שמרני מידי גאוה**, כי אי אפשר להתחיל בשום עבודה אמיתית בעוד ששקע נפשו בגאוה וזדון לב, ולא יצא הטמא והכת הארורה מן הדת אלא על ידי גאוה וכעס. גם עי' בספה"ק "זרע קודש" פ' וירא וז"ל: "**שהבעש"ט ז"ל בשעת מותו היה רוחש בשפתיו והטו אזנם אליו ושמעו שהתפלל שינצל מפניות**".

[מו] מובא "בחיי מוהר"ן", אות שי"ג; "כוכבי אור" שם.

[מז] עי' גמ' ברכות לא:

[מח] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות ק"פ: "הנהגת רביה"ק בנתינת עצות היתה דבר פלא, כי מעולם לא נתן עצה במפורש לשואל לומר לו שיעשה כך וכך בדוקא; והגיעו הדברים לידי כך שאזר פעם מוהרנ"ת

רמזים[מט]. אז דער רבי האט געוויזן א רמז אויף 'נישט', האט ער זיך נישט געדארפט עקשנ'ען - ער האט זיך גע'עקשנ'ט.

ער האט אפגעזאגט דער תורה פארן רבי'ן, און ער איז גלייך געווארן קראנק ביים רבי'ן אין שטוב. דער רבי האט אים צוגעטראגן אביסל יויך און געזאגט: "היינט האב איך משמש געווען אַן אמת'ער תלמיד חכם!"[נ]. ער איז צוריקגעפארן אהיים און נפטר געווארן.

(השואל: מען ווייסט וואספארא תורה דאס איז געווען?) **מען ווייסט נישט.**

(השואל: דער רבי האט נאך דעם געזאגט דער תורה?) **דאס ווייסט מען נישט.**

(ר' נחמן: עס שטייט אז דער רבי איז נאך דעם דורכגעפארן טירהאוויצע - ) **האט ער געפרעגט אויף די קינדער[נא] - -**

(השואל: רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אז דאס איז געווען א 'מורה הלכה בפני רבו'?) **אזוי האט מען געזאגט; איך קען דיר פונקט זאגן? אזוי האט מען גערעדט אין אומאן.**

---

עוז ופנה לרבינו בתמיהה: "**רבי, איר קענט מפקיר זיין א מענטשן!**", וענה רבינו ואמר לו: "**טאקע אזוי, טאקע אזוי!**".

[מט] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז': "**כשהרב לומד עם תלמידיו יש דברים שאי אפשר להסביר להם כי אם על ידי רמזים**". גם עי' שיחות הר"ן, אות קמ"ה: "**כי כן היה דרכו לרמז על דברים גבוהים על ידי דברים קטנים, מחמת שהיה קשה לו לבאר דעתו בפירוש מגודל הקטרוגים והמניעות ועוד מכמה טעמים. על כן רמז בדרכים נפלאים כדי שהאדם בעצמו יבין דעתו מאליו אם ירצה. ויש בזה ענינים נפלאים בהנהגתו עמי בכמה ענינים ואי אפשר לבארם**".

[נ] "כוכבי אור" ערך 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ו: "וּכְשֶׁהָיָה רַבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק מֻטָּל עַל עֶרֶשׂ דְּוָי, לָקַח רַבֵּנוּ זַ"ל מְעַט רֹטֶב וְנָתַן לוֹ לֶאֱכֹל, וְאָמַר, **הַיּוֹם שִׁמַּשְׁתִּי אֶת תַּלְמִיד חָכָם אֲמִתִּי**".

[נא] שם: "וְאַחַר פְּטִירָתוֹ שֶׁל רַבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק זַ"ל הַנַּ"ל, נִזְדַּמֵּן שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל נָסַע דֶּרֶךְ טִירְהָוִויצֶע וְשָׁאַל הֲיֵשׁ בָּנִים לְאוֹתוֹ צַדִּיק? וְהֵשִׁיבוּ לוֹ הֵן, וְאָמַר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **ווִי קוּמְט צוּ אִיהְם קִינְדֶער?** [אֵיךְ שַׁיָּךְ אֵלָיו בָּנִים], וּמֵתוּ גַּם בָּנָיו. וּמִי יוּכַל לְהָבִין דִּבְרֵי אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל וַעֲסָקָיו שֶׁעָסַק עִם כָּל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל הַחַיִּים וְהַמֵּתִים (המעתיק אלתר בן ר' זעליג מטעפליק ז"ל)".

אזעלכע זאכן זאגט מען נישט (אזוי סתם), מען זאגט (נאר) אז אזוי האט מען גערעדט אין אומאן. איך האב אזוי געהערט: 'עס איז געווען א בחינה פון א מורה הלכה בפני רבו'.

(ר' נחמן: אין "חיי מוהר"ן" שטייט אפגעדרוקט וועגן דער תורה וואס רבי יצחק אייזיק האט זיך גע'חלום'ט. איר לייגט צו אביסל מער, ווייל דא שטייט נישט אז דער רבי האט נישט געוואלט אז ער זאל זאגן!) יא יא; דער רבי האט זיך משמיט געווען, און ער האט זיך נישט אנגעשטויסן.

❖ ❖ ❖

## דער רבי קומט נישט אריין צום טיש

דאס וואס עס שטייט דארטן[נב] אז 'עס איז געבליבן נאר פינעף מענטשן', דאס איז געווען א פרייטאג צו נאכטס וואס רבי שמעון'לע איז געקומען דעמאלט אויף שבתביים רבי'ן.

(ר' נחמן: נאך אין מעדוועדיוועקע?) ניין, דאס איז געווען שוין אין ברסלב - "כסלו תק"ע". רבי שמעון'לע איז דעמאלט געקומען צום רבי'ן אויף שבת. רבי שמעון'לע איז געווען ביים רבי'נס שטוב אזוי ווי א היימישער, א בן בית, ער איז געווען נאך פון מעדוועדיוועקע. אין שטאט ברסלב דארטן האט מען אים שוין געקענט. און אז רבי שמעון'לע איז געקומען זענען אסאך מענטשן געקומען צוליב רבי שמעון'לען.

דער רבי איז נישט אריינגעקומען דעם פרייטאג צונאכטס צום טיש. אז עס איז געווארן גאר שפעט איז געווארן א געוואלד. איז רבי שמעון'לע אזוי צוגעגאנגען צום רבי'נס חדר און ער האט נאר א ריר געגעבן ביי דער קלאמקע, האט ער געזעהן ווי דער רבי איז געשטאנען אינמיטן חדר, און די פאנטאפל האבן זיך געפלושקעט אין טרערן. ער איז זייער דערשראקן געווארן פון דער זאך, עס האט אים שוין באנק

---

[נב] עי' חיי מוהר"ן, אות צ"א: "**כִּסְלֵו תק"ע, פֹּה בְּרֶסְלַב. חֲלוֹם**" וכו', עיי"ש.

געטוהן פארוואס ער איז צוגעגאנגען. דערנאך איז דער רבי באלד אריינגעקומען, און דעמאלט האט דער רבי דערציילט דער מַראה[נג].

❖ ❖ ❖

## "שֶׁאֵין מִי שֶׁיּוֹדֵעַ מִמֶּנּוּ כִּי־אִם אָנֹכִי מְעַט"

(ר' נחמן: דער רבי האט איינמאל דערציילט, אז ער האט געזעהן אין עולם העליון דער עולם לויפט -) - **'א יונגערמאן דאווענט!'** (ורצתי גם אני לראותו, וראיתי שאברך אחד עומד בזוית ומתפלל; "האט איך אפגעדעקט דעם טלית - האב איך געזעהן) - **עס איז טאקע מיין נפתלי!**"[נד].

❖

רבי אברהם ר' נחמן'ס איז געווען עלף יאר אלט[נה] ווען רבי נפתלי איז נפטר געווארן - ער איז נפטר געווארן תר"כ. איז רבי אברהם האט געזאגט, אז ער האט אים געהערט זאגן ביי "ויברך דוד" די ווערטער "הגדולה והגבורה" (וכו') - יעדעסווארט - ממש אזוי - ווי א ספירה פון די ספירות הקדושים. און דאס קול איז אים געווען אזוי יונג אזוי ווי א יונגערמאן (על אף שהיה זה לעת זקנתו!) - ער איז דאך אלט געווען אכציג יאר (בהסתלקותו)[נו]. רבי אברהם איז געווען א מבין אויף א דאווענען...

❖

דער רבי האט דאך געזאגט: "פון מיר ווייסט קיינער נישט - נאר נתן, נפתלי אביסל!". זאגן איינינגע: נתן-נפתלי! (- ששניהם השיגו מעט).

---

[נג] עי' עוד שיש"ק (חדש) ח"ב, אות שכ"ד.

[נד] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות תשפ"ו.

[נה] הוא נולד בשנת תר"ט.

[נו] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות תשפ"ח.

(אחד הנוכחים: אין די מכתבים שרייבט רבי נתן: "כאשר העיד עלי"[נז] אז קיינער ווייסט נישט אזוי ווי מיר!)

(ר' נחמן: רבי אברהם ר' נחמן'ס ברענגט דאך אראפ אין "כוכבי אור" אין 'שיחות וסיפורים'[נח], אז דער רבי האט אזוי געזאגט: "אזוי ווי די וואס קריגן אויף מיר ווייסן נישט פון מיר, אזוי אויך די וואס האלטן פון מיר ווייסן אויך נישט פון מיר! איז אנדערע לייגן צו דעם ווארט: "נאר נתן, נפתלי אביסל!") **אוודאי אזוי, דעמאלט איז געזאגט געווארן דעם ווארט.**

(ר' נחמן: ווייל עס איז דא נאך א שיחה[נט]: "וויסן פון מיר - ווייסט, נתן, נפתלי אביסל!") **דעמאלט איז געזאגט געווארן דער ווארט!**[ס]

**די זאך איז אזוי: דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[סא] - און רבי נתן אליין איז דאך מעיד אין דער הקדמה פון רבי'ן[סב], אז די תורה וואס דער רבי האט געזאגט איז אראפגעלאזט אזוי פיל מדריגות נידריגער אז מען האט עס גארנישט געקענט זאגן - דער רבי האט עס געמוזט מצמצם זיין און מצמצם זיין אז ער זאל עס קענען זאגן; די תורה וואס מיר האבן דא איז שוין אזוי פיל נשתלשל, אז מען קען שוין נישט זאגן קלענער.** (- נמצא לפי זה, גם השגת מוהרנ"ת כלפי השגת רבינו, הוא רק 'מעט').

---

[נז] עלים לתרופה במכתב מיום א' ויקרא תקפ"ו: "**וַה' הַיּוֹדֵעַ וָעֵד כִּי אָנֹכִי זָכִיתִי לְהָבִין כַּוָּנָתוֹ הַנּוֹרָאָה וְהַתְּמִימָה יוֹתֵר מִכָּל הָעוֹלָם, כַּאֲשֶׁר הֵעִיד עָלַי בְּפֵרוּשׁ בְּפֶה מָלֵא כַּמָּה פְּעָמִים**".

[נח] אות ל"ט.

[נט] עי' "כוכבי אור" חלק 'חכמה ובינה', אות כ"א.

[ס] מובא גם ב"אבניה ברזל" - 'שיחות וסיפורים מרבינו', אות י'.

[סא] עי' חיי מוהר"ן, אות ש"ס: "**אָמַר, אֵינִי אוֹמֵר לָכֶם מִתּוֹרָתִי כִּי אִם הַפְּסֹלֶת וְהִיא נְמוּכָה אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רִבְבוֹת מַדְרֵגוֹת מִכְּפִי מַה שֶּׁאֲנִי מַשִּׂיגָהּ, וְאֵינִי יָכוֹל לוֹמַר נָמוּךְ יוֹתֵר וּכְבָר נִרְשַׁם מִזֶּה בְּמָקוֹם אַחֵר**".

[סב] בהקדמת ליקוטי מוהר"ן, וזל"ש: "וכאשר שמענו מפיו הקדוש ז"ל, שפעם אחת אמר שהתורה שהוא מגלה היא נמוכה אלפים ורבבות מדריגות מכפי מה שהשיגה במקומה העליון. **והן הן גבורתיו, הן הן נוראותיו, אשר השיגה יד שכלו הקדוש הרס ונשא, להלביש ולהוריד דברים גבוהים ונוראים כאלה, דברים קדושים ודקים ורוחניים מאד, להלבישם בלבושים רבים וצמצומים, עד אשר יהיו דברים השוים לכל נפש, להודיע לבני האדם גבורתיו יתברך, לגלות עצות ודרכים ונתיבות להגיע לעבודתו יתברך באמת**, 'למען דעת כל עמי הארץ כי ה' הוא האלקים אין עוד'".

(רלוי"צ קורא מהקדמת "חיי מוהר"ן":) "וְהוֹשִׁיבַנִי אֶצְלוֹ, וְקֵרְבַנִי בְּרַחֲמָיו בְּיוֹתֵר, וְסָמַךְ יָדוֹ עָלַי לְקַבֵּל וְלִכְתֹּב אֶת כָּל דִּבְרֵי תוֹרָתוֹ וְשִׂיחוֹתָיו וְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹתָיו. הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, זָכִיתִי שֶׁיִּהְיֶה נִכְתָּב עַל יָדִי, וְאָמַר בְּפֶה מָלֵא שֶׁאֵין מִי שֶׁיּוֹדֵעַ מִמֶּנּוּ כִּי־אִם אָנֹכִי מְעַט!" - אָה - "אנכי מעט", עס שטייט טאקע, "מעט" - אביסל.

❖

## "וְלֹא לְחִנָּם הִרְעִישׁ עָלָיו הַשָּׂטָן"

דער רבי האט געזאגט אויף רבי אהרן'ען דער רב, אז ער האט גענוצט זכות אבות ארויסצונעמען רבי אהרן דער רב ער זאל זיין רב אין ברסלב[סג]. דער רבי האט בשום אופן נישט געוואלט זיין ברסלב'ער רבי - סיידן רבי אהרן זאל זיין דער רב. קען מען פארשטיין אז רבי אהרן איז געווען געוואלדיג גרויס, ער איז געווען פון די ערשטע מקורבים - נאך פון מעדוועדיווקע[סד].

רבי נתן האט געזאגט: **"נאר איך קען וואוינען מיט רבי אהרן דער רב אין איין שטאט!"**.

רבי נתן האט געדארפט ווען וואוינען אין אומאן - דער רבי מיט דער גאנצער זאך איז דאך אין אומאן!? דער תירוץ איז, ווייל רבי נפתלי האט געוואוינט דארטן פון פריער, דערפאר האט רבי נתן נישט געקענט וואוינען אין אומאן.

[סג] עי' "חכמה ותבונה" בהקדמת המסדר והמלקט: "רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר עַל הָרַב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא מוה"ר אַהֲרֹן הָרַב מִבְּרֶסְלֶב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, **שֶׁהָלַךְ לְחֻפָּתוֹ בְּכֻתֹּנֶת נְקִיָּה**. וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר, **שֶׁהִשְׁתַּמֵּשׁ בִּזְכוּת אָבוֹת שֶׁיִּהְיֶה רַב בִּבְרֶסְלֶב**. וְאָמַר עוֹד: "**אֲנַחְנוּ צְרִיכִים לְהַחֲזִיק טוֹבָה גַּם לְהַסּוּסִים, שֶׁהֵבִיאוּ לָנוּ רַב כָּשֵׁר כָּזֶה**". וְאָמַר עוֹד, **שֶׁיִּשְׂאוּ אוֹתוֹ עַל נֵס, כְּשֶׁיֵּלְכוּ לִקְרַאת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, וְיִתְפָּאֲרוּ בּוֹ**".

[סד] עי' חיי מוהר"ן, אות שע"ו; וסיפור התקרבותו בשיש"ק ח"ב, אות רנ"ט; וב"טובות זכרונות".

דער רבי זאגט אין תורה ס"ה: איין בוים מאכט מאָגער דעם אַנדערן[סה].

- איי, רבי אהרן דער רב? "נאר איך קען וואוינען צוזאמען מיט רבי אהרן דער רב!" - אזוי האט רבי נתן געזאגט.

רבי נתן האט דאך געוואוסט פונעם רבי'ן אז דאס ענין פון ראש השנה איז א זאך אויף אייביג. און רבי אהרן דער רב איז נישט געפארן נאכן רבי'נס הסתלקות אויף ראש השנה. רבי נתן האט זייער נוהג כבוד געווען אין אים, ער האט געוואוסט דאס גרויסקייט פון אים, האט ער געהאט א געוואלדיגע חלישות הדעת - דא וויל ער מאכן א זאך (אויספירן דעם רבי'נס ראש השנה לדורות אזוי ווי ער ווייסט פון רבי'ן) - און דער גרויסער תלמיד רבי אהרן דער רב וואס ער איז נאך פון פריער - פארט נישט!

נאך א זאך, ביי דער גאנצער מחלוקת וואס מען האט געקריגט אויף רבי נתן'ען - אויף רבי אהרן'ען דער רב האט קיינער נישט געקריגט. די אלע גרויסע חולקים וואס האבן מתיר געווען הריגה - אויף אים האט קיינער נישט געקריגט. ער איז נאך געווען דארטן בעל תפילה (בבית הכנסת המרכזי בברסלב), און עס איז געווען דארטן זיינע נוסחאות - אלץ איז ער געוועזן. ער האט קיינמאל נישט גערעדט קיין גרויסקייטן פון רבי'ן וואס זאל אויפרייסן יענעם, ער איז געווען א פיינער רב, גוט.

(- ואכן למה חלקו רק על מוהרנ"ת?) דער תירוץ איז, נאר דער וואס נעמט דעם רבי'נס זאך פאר א נצחיות, פאר א זאך, אז דאס איז דער מקור אויף אידישקייט פון מקרב זיין אידן צום אויבערשטן 'עד ביאת המשיח' און אז משיח וועט אויך זיך באנוצן מיט די עצות און ער וועט מלחמה האלטן מיט די עצות[סו] - אָה, דארטן שווייגט מען שוין

---

[סה] וזל"ש: "הַבַּעַל הַשָּׂדֶה, הוּא מַשְׁגִּיחַ וּמִשְׁתַּדֵּל תָּמִיד לְהַשְׁקוֹת הָאִילָנוֹת וּלְגַדְּלָם, וּבִשְׁאָר תִּקּוּנֵי הַשָּׂדֶה. **וּלְהַרְחִיק הָאִילָנוֹת זֶה מִזֶּה הַרְחָקָה הָרָאוּי, שֶׁלֹּא יַכְחִישׁ אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ**. כִּי לִפְעָמִים צָרִיךְ לְהַרְאוֹת לִמְקָרֵב גָּדוֹל הַרְחָקָה גְּדוֹלָה, כְּדֵי שֶׁלֹּא יַכְחִישׁ אֶת חֲבֵרוֹ".

[סו] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות קכ"ט: רביה"ק אמר: **"פון מיר ביז משיח וועט נישט זיין קיין שום נייעס, די אייגענע עצות וואס איך געב - וועט געבן משיח צדקינו אויך; נאר וואס דען? משיח וועט מען פאלגן, ויגזר אֹמר ויקם, און מעך וויל מען נישט פאלגן!"**. ועי' בחיי מוהר"ן, אות רס"ו: **"אָמַר, כָּל מַה שֶּׁמָּשִׁיחַ**

נישט, אויף דעם שווייגט מען נישט[סז]. אבער דער וואס האלט דעם רבי'נס זאך אזוי ווי פון אנדערע צדיקים - דאס מעגסטו זיין, אים טשעפעט מען נישט.

❖

## "ער וועט דיר נישט גט'ן!"

די קינדער פון רבי הערש לייב דער רב (בן רבי אהרן הרב) זענען שוין יא געפארן (אויף ראש השנה). אין די דריי יאר פון תקצ"ה ביז צ"ח איז דאך געווען שרעקליך - רבי נתן איז געווען פארשיקט אין נעמירוב. האט רבי הערש לייב געשיקט די קינדער (דער טשעהרינער רב, און רבי חיים דער רב) צו רבי נתן'ען. ווייל מען פלעגט זאגן אויף רבי הערש לייב'ן אז ער איז פון רבי שמואל אייזיק'ס, זיין עבודה איז געווען זייער שארף - געוואלדיג שארף, ער האט געהאט גלגול שלג, תשובת הקנה - עס איז געווען געוואלדיג זיין עבודה. האט ער געוויזן אז - ניין! (ער איז רבי נתן'ס - צוליב דעם) האט ער געשיקט זיינע קינדער צו רבי נתן'ען.

(ר' נחמן: דער טשעהרינער רב איז געווען דעמאלט א אינגל פון צוועלף יאר!) דו ווייסט? רבי הערש לייב דער רב האט נישט געהאט קיין קינדער ביז די צענטע יאר (אחר נישואיו). און ער האט געזאגט, אז עס וועט זיך ענדיגן די צען יאר גיט ער איר א גט. זי האט דאך געוואוסט ווער רבי הערש לייב איז, א צדיק, א קדוש. און אז ער האט געזאגט - איז געזאגט. זי האט געוואוסט אז ער איז א שארפער - איז זי געקומען אליין צו לויפן צו רבי נתן'ען (מזכיר זיין).

עס איז געקומען די לעצטע יאר (ובאה למוהרנ"ת:) "רבי נתן, ער זאגט!" (שהוא מוכן לגרשה). (ענה לה:) "זאג איך דיר, ער וועט דיר נישט גט'ן!" האט 'ער' שוין געוואוסט

---

יַעֲשֶׂה טוֹבוֹת לְיִשְׂרָאֵל אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת, רַק שֶׁהַחִלּוּק הִיא שֶׁמָּשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֶר וְיָקוּם אֲבָל אֲנִי... (וּפָסַק וְלֹא דִּבֵּר יוֹתֵר)".

[סז] עי' "כוכבי אור" ערך 'אנשי מוהר"ן, אות ט"ז: "וְלֹא לְחִנָּם הִרְעִישׁ עָלָיו הַשָּׂטָן אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ, כִּי גַּם הוּא הָיָה מֵשִׁיב כָּל יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה אִם לֹא הָיוּ נִתְרַחֲקִים מֵאִתּוֹ וּמִדִּבּוּרָיו הַנּוֹרָאִים".

**אז ער וועט געהאלפן ווערן, ווארום אויב נישט איז נישט שייך - געזאגט איז געזאגט. זענען די קינדער געבוירן געווארן צעהן יאר דערנאך.**

(ר' נחמן: רבי הערש לייב איז געווען ביים רבי'ן?) **אזוי איז דער שכל מחייב; אוודאי איז רבי הערש לייב דער רב געווען ביים רבי'ן. דער טשעהרינער רב איז געבוירן געווארן תקפ"ה, צו פ"ו, איך ווייס נישט. ער איז אלט געווען ניינצן-צוואנציג יאר ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן** (תר"ה). **און דער טשעהרינער רב איז אלט געווען** (בהסתלקותו) **עפעס ניין-און-זעכציג יאר - אזוי ווי** (אביו) **רבי הערש לייב דער רב; רבי הערש לייב דער רב איז אויך אלט געווען ניין-און-זעכציג יאר.**

(ר' נחמן: קומט אויס אז דער טשעהרינער רב איז נסתלק געווארן תרנ"ד!) - **און עס איז אוועקגעגאנגען צעהן יאר וואס ער האט קיין קינדער נישט געהאט. און ווייטער, רבי הערש לייב דער רב איז דאך געווען רבי חיים שרה'ס**[סח] **אַן איידעם. - ווייס איך נישט ווער עס איז געווען דער עלטסטער, דער בכור - צו דער טשעהרינער רב, צו דער ברודער רבי חיים; צו דעם ערשטן נאמען האט ער א נאמען געגעבן נאכן רבי'ן, צו נאך רבי חיים'ען. וועט מען זאגן אז דער טשעהרינער רב איז געבוירן, תקפ"ה צו פ"ד, און צען יאר האט ער קיין קינדער נישט געהאט. קומט דאך אויס, אז רבי הערש לייב דער רב האט חתונה געהאט תקע"ד, איז ער דאך געוויס געווען ביים רבי'ן.**

(ר' נחמן: מען ווייסט צו דער רבי איז געווען סנדק ביי רבי הערש לייב דער רב?) **דאס קען מען דאך נישט וויסן - צו ער איז געבוירן געווארן אין ברסלב, צו גאר אין מעדוועדיווקע, אדער אין זלאטיפאליע - ווי קען מען וויסן?**

---

[סח] מאנשי רביז"ל, עי' אודותיו "כוכבי אור" ערך 'אנשי מוהר"ן, אות מ"ג, מ"ו; ובאבניה ברזל, שו"ס מרבינו, אות ל"ז: זְקֵנוֹ שֶׁל הָרַב מִטְּשֶׁעהְרִין אָמַר עָלָיו רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שֶׁיֵּשׁ לוֹ חָסִיד אֶחָד בְּעִיר בְּרַסְלֶב. **וּפַעַם אַחַת הִתְעַנָּה מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת** וְאָמַר רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שֶׁהָיָה צָרִיךְ לִפְעֹל אֵיזֶה דָּבָר **וְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם עֲבוֹדָה שֶׁל הָר' חַיִּים שָׂרָה'ס.** וְאָמַר אָז מַה שֶּׁמּוּבָא בְּהַשִּׂיחוֹת **לֹא בְּחִנָּם הָיָה הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, שֶׁהָיָה לוֹ תַּלְמִידִים כָּאֵלּוּ**". ובצוואת הרב מטשעהרין כתב עליו: "**וְהָיָה מִתְעַנֶּה שְׁנֵי פְּעָמִים מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת בְּכָל שָׁנָה**, הַיְנוּ פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא וּפָרָשַׁת כִּי תָבֹא **בִּפְקֻדַּת רַבֵּנוּ זַ"ל** שָׁנִים הַרְבֵּה, וּבִמְסִירוּת נֶפֶשׁ עָצוּם מְאֹד".

(ר' נחמן: רבי הערש לייב האט מסתמא חתונה געהאט ביי די פערצן-פופצן יאר!) קען זיין ער איז געבוירן געווארן אין זלאטיפאליע, אדער באלד ביים אנהויב אין ברסלב. אָה! רבי הערש לייב דער רב איז דאך נפטר געווארן אדער תרכ"ח אדער כ"ט, און ער האט געלעבט ניין-און-זעכציג יאר. קומט אויס, איז ער געבוירן געווארן, תק"ס, אין זלאטיפאליע.

❖

## דער חלום אין דער שבעה

רבי הערש לייב איז אלט געווען ניין-און-זעכציג יאר. א מעשה איז געווען מיט א חלום. ביי דעם טשעהרינער רב איז געבוירן געווארן א קינד, און ער האט אים א נאמען געגעבן נאכן פאטער, "הערש לייב". איז בשעת דאס קינד איז געבוירן געווארן האט דער טשעהרינער רב א קוק געגעבן אויפן קינד – דער טשעהרינער רב איז געווען א גדול - האט ער געזאגט: "עס איז געבוירן געווארן אַן אלטער איד!".

דאס קינד האט געלעבט א יאר און דאס קינד איז נפטר געווארן...

האט דער טשעהרינער רב געזאגט, אז דער האט דערלעבט דעם טאטנ'ס יאר. דער טאטע איז דאך אלט געווען ניין-און-זעכציג יאר. האט ער צוגעלעבט דעם נאך א יאר.

דאס קינד איז געווען זייער חשוב ביים טשעהרינער רב - און ער האט דאך געטראגן דעם טאטנ'ס נאמען. איז בשעת זיי זענען געזעצן שבעה (אויף דאס קינד) האט זי זייער אסאך געוויינט. האט ער זיך גע'חלומ'ט - ער האט געזעהן דעם פאטער, רבי הערש לייב דער רב, פון יענעם עולם, האלטן דאס קינד אויף דער האנט - און ער האט זיך מיטן קינד זייער משעשע געווען, (ואמר:) "איך וועל מיט

**אים לערנען! איך וועל מיט אים לערנען!" - דאס האט מיר רבי אברהם**[סט] **דערציילט.**

(ר' נחמן: דאס קינד איז געבוירן געווארן מיט ווייסע האר - ניין?) **יא! ער איז געבוירן געווארן מיט ווייסע האר... און עפעס אזוי קרעכצעוודיג - ער האט אזוי געקרעכצעט. זאגט דער טשעהרינער רב: "עס איז געבוירן געווארן אַן אלטער איד!".**

❖ ❖ ❖

## אז מיר זאגן, ווערט מקויים!

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: פון ווען איז רבי נפתלי געווען אין אומאן?) **'ווען' ער איז ארוים קען מען נישט וויסן. נאר, דאכט זיך מיר, אז עס איז דא מכתבים פון די פ"א'ען נאך**[ע]**; ווייזן ווייזט אוים - פון ווען מען האט אויסגעבויעט דער שול.**

**און רבי נתן האט נישט געוואלט וואוינען אין אומאן - מען ווייסט נישט פארוואס. מען זאגט אלץ אייגענע טעמים: אז דער רבי זאגט אין תורה ס"ה, אז צוויי אילנות זאלן נישט מכחיש זיין איינער דעם אנדערן. זאגט מען צו, אז דערפאר האט רבי נתן נישט געוואוינט צוזאמען מיט רבי נפתלי'ן** (אין אומאן)**, ווייל דאס איז צוויי אילנות וואס דארפן נישט זיין נאנט איינער מיטן אנדערן.**

**זיי זענען ביידע געווען פון נעמירוב.** (איז נאך דעם רבי'נס פטירה) **רבי נתן האט זיך באזעצט אין ברסלב - און רבי נפתלי אין אומאן.**

(ר' חיים שלמה: ווען האט ער געמאכט דעם מנין אין קלויז אין אומאן?) **רבי נפתלי איז געווען דארט, און ער האט נישט געהאט קיין מנין, קיינער האט נישט געוואלט קומען דאווענען. די גרויסע שול פון בית מדרש** (- הקלויז) **איז געווען פארמאכט א גאנץ**

---

[סט] כנראה שמדבר מרבי אברהם שטערנהארץ

[ע] עי' עלים לתרופה במכתב מיום ב' עקב תקפ"ז.

יאר, נאר ראש השנה האט מען דאס געעפנט - אפילו אין די צייטן פון ר' נחמן טולטשינער.

(ר' נחמן: עס איז נישט געווען קיין קלויז'לעך ארום דעם?) עס איז געווען קלויז'לעך - און אין די קלויז'לעך האט מען געדאווענט אינמיטן יאר, אבער די גרויסע שול איז געווען פארמאכט, מען האט נישט געדארפט האבן דער גרויסער שול, עס איז א קליינער עולם געווען.

- און עס האט אויסגעפעלט א צענטער ביי רבי נפתלי'ס מנין. איז ר' חיים כהן (סטאלער) אוועקגעלאפן צו איינעם – יענער איז געווען דארטן א חבר זיינער, א לוי. האט ער אים געזאגט: 'קום דאווענען'. זאגט ער: 'איך וויל נישט גיין דאווענען; זאל ער מיר צוזאגן א קינד - וועל איך גיין דאווענען!'. האט ר' חיים געזאגט פאר רבי נפתלי'ן: 'איך האב איינער - און ער וויל נישט קומען דאווענען נאר אז איר וועט אים צוזאגן א קינד!'. (ענה רבי נפתלי:) "נו, זאל ער קומען, זאל ער קומען!". הייסט - האט ער אים צוגעזאגט.

עס איז אוועקגעגאנגען א שטיקל צייט - און ער האט נישט געהאט קיין קינד. האט ער געוואלט צוריק אנטלויפן - 'ער האט דאך מיר צוגעזאגט'. האט ער (ר' חיים) געזאגט רבי נפתלי'ן: "רבי, ער וויל צוריק אוועקגיין, ער וויל אנטלויפן".

האט רבי נפתלי געזאגט אזוי: "מיר האבן מקובל פון דעם רבי'ן אז מיר זאלן האלטן פארמאכט דאס מויל; נאר אז מיר זאגן - ווערט מקויים!"

(השואל: צום סוף האט ער געהאט א קינד?) יא, אוודאי!

'מיר האבן מקובל פונעם רבי'ן אז מיר זאלן האלטן דאס מויל צוגעמאכט - מען זאל נישט רעדן, עס זאל נישט זיין אזוי וואלוול (- ביליג) דאס מויל; נאר אז מיר זאגן, ווערט מקויים!'

(ר' נחמן: אין אומאן איז דאס געווען?) **אין אומאן, אוודאי!**

❖ ❖ ❖

## זוכן אינמיטן שלאף

**מיר האבן אנגעהויבן צו רעדן פון דעם וואס דער רבי רעדט דא דאס גרויסקייט פון ארץ ישראל, אז ארץ ישראל איז אמונה - "שכן ארץ ורעה אמונה", און ארץ ישראל איז דער מקור פון תפילה, און ארץ ישראל איז נסים - אלעס!**

**מיר זענען ברוך השם אין ארץ ישראל, און דא איז דער מקור האמונה, דער מקור הנסים. נאר וואס דען? עס איז נעלם! יעדע זאך וואס עס איז נעלם דארף מען זוכן!**

**דער רבי זאגט אין דער תורה פון "תקעו תוכחה": מען דארף זייער זייער זוכן דעם צדיק - זייער זייער זוכן דעם רוח הקודש פון דעם צדיק![עא] וואס הייסט זוכן? עס איז דאך נישט קיין גשמיות'דיגע זאך? אז איך זוך א גשמיות'דיגע זאך, אז איך געפין עס - האב איך דאס שוין געפונען אינגאנצן. דא איז נישט שייך צו זאגן 'איך האב געפונען', נאר וואס מען זוכט מער - געפינט מען מערער. אז איינער געפינט - און געפינט עפעס, איז אויך גוט; אז דו וועסט זוכן מער - וועסטו געפינען מערער[עב].**

[עא] עיי"ש אות ח': "**וְעַל כֵּן צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מְאֹד אַחֲרֵי מַנְהִיג אֲמִתִּי לְהִתְקָרֵב אֵלָיו.** כִּי כָל מַנְהִיג וּמַנְהִיג יֵשׁ לוֹ בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה, וְגַם עַכְשָׁו, שֶׁבָּטְלָה הַנְּבוּאָה, אַף עַל פִּי כֵן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה לְהַמַּנְהִיג בְּחִינַת (בְּמִדְבַּר י"ד): "רוּחַ אַחֶרֶת", מַה שֶּׁאֵין נִמְצָא בִּשְׁאָר הֶהָמוֹן, שֶׁעַל יְדֵי זֶה זָכָה לִהְיוֹת מַנְהִיג. כִּי בְּלֹא זֶה, מִפְּנֵי מַה יִּזְכֶּה זֶה דַּיְקָא לִהְיוֹת מַנְהִיג וְלֹא אַחֵר... וְזֶה הָרוּחַ אַחֶרֶת שֶׁיֵּשׁ לְהַמַּנְהִיג הוּא בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, רוּחַ נְבוּאָה. ... **וְעַל יְדֵי בְּחִינַת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁיֵּשׁ לְהַמַּנְהִיג הָאֲמִתִּי שֶׁהוּא בְּחִינַת רוּחַ נְבוּאָה, עַל יְדֵי זֶה כָּל הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו נִתְחַזֵּק וְנִתְתַּקֵּן אֶצְלָם הָאֱמוּנָה הָאֲמִתִּית דִּקְדֻשָּׁה**".

[עב] עי' ליקוטי הלכות שלוחין ה"ה, אות ו': "כִּי אֲפִלּוּ מִי שֶׁזּוֹכֶה לִמְצֹא לְעַצְמוֹ רַבִּי אוֹ חָבֵר אֲמִתִּי שֶׁקִּבֵּל מִצַּדִּיקֵי אֱמֶת דִּבְרֵי אֱמֶת הַמּוֹעִילִים לְנַפְשׁוֹ בֶּאֱמֶת, אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם, כִּי **אֲפִלּוּ אִם הָיוּ כְּבָר מַעֲשָׂיו מְתֻקָּנִים כָּרָאוּי צָרִיךְ גַּם כֵּן לְחַפֵּשׂ עוֹד וָעוֹד**, כִּי יָדוּעַ שֶׁאֵין הָאָדָם עוֹמֵד וְכוּ'. וּכְתִיב, "לְכָל תִּכְלָה רָאִיתִי קֵץ רְחָבָה מִצְוָתְךָ מְאֹד". מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן שֶׁרֹב וְרֹב מַעֲשֵׂיהֶם אֵינָם עוֹלִים יָפֶה, בִּפְרָט בָּעִתִּים הַלָּלוּ כַּאֲשֶׁר יוֹדֵעַ כָּל אֶחָד בְּנַפְשׁוֹ, עַל כֵּן צְרִיכִין תָּמִיד לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ הַרְבֵּה אַחֲרֵי

**עס שטייט: "בַּקְּשׁוּ פָּנָיו תָּמִיד"[עג] - זוכט דעם אויבערשטן תמיד! זוכט אים![עד] דער רבי זאגט טאקע אין א תורה[עה]: "בקשו פניו תמיד". "תמיד" – דורך ארץ ישראל.** (כי ארץ ישראל נקרא 'תמיד') **ווייל "תמיד עיני ה' אלקיך בה". מען קען זוכן דעם אויבערשטן דורך ארץ ישראל!**

**ארץ ישראל מיטן צדיק איז איין זאך![עו]**

---

הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּחִינַת רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הַנַּ"ל, **כִּי בְּוַדַּאי אֵין הַחִפּוּשׂ וְהַבַּקָּשָׁה אַחֲרֵי גּוּף הַגַּשְׁמִי שֶׁל הַצַּדִּיק כִּי אִם אַחֲרֵי רוּחַ הַקֹּדֶשׁ שֶׁלּוֹ** שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר בֵּרוּר הַמְדַמֶּה, שֶׁזֶּה תִּקּוּנוֹ, וְזֶה צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ תָּמִיד, כִּי מִמָּה נַפְשָׁךְ אִם לֹא מְצָאוֹ עֲדַיִן כְּלָל בְּוַדַּאי הוּא צָרִיךְ לֵילֵךְ עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו לְבַקְּשׁוֹ וּלְחַפְּשׂוֹ בְּכָל כֹּחוֹ בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ מִקָּצֶה וְעַד קָצֶה כָּל יָמָיו אֲשֶׁר הוּא חַי עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה אוּלַי יוּכַל לִמְצֹא חַיֵּי נַפְשׁוֹ לָנֶצַח, עַל כָּל פָּנִים יוֹם אֶחָד אוֹ שָׁעָה אַחַת לִפְנֵי מוֹתוֹ. וְאִם כְּבָר נִדְמֶה לוֹ שֶׁמָּצָא אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, בְּוַדַּאי זֶה צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, **כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהוּא יוֹשֵׁב אֵצֶל הַצַּדִּיק וַעֲדַיִן אוֹרוֹ חָשׁוּךְ אֶצְלוֹ וְאֵינוֹ מַרְגִּישׁ נְעִימוּת אֲמִתַּת עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים** וְכוּ', וּמֵחֲמַת זֶה הוּא רָחוֹק עֲדַיִן מִתִּקּוּנוֹ. **וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה וַיְהִי הֵם מְרִיקִים בְּסִימָן י"ז מִזֶּה, עַיֵּן שָׁם"**, וכו', עיי"ש.

[עג] תהלים קה, ד.

[עד] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות מ"ו: "וְזֶה פֵּרוּשׁ: **דִּרְשׁוּ ה' וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד. דִּרְשׁוּ** ה' שֶׁצְּרִיכִין לִדְרֹשׁ וּלְבַקֵּשׁ אֶת ה' יִתְבָּרַךְ מְאֹד לִזְכּוֹת לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת. וּמְפָרֵשׁ הַפָּסוּק אֵיךְ מְבַקְּשִׁין אֶת ה' יִתְבָּרַךְ? הַיְנוּ אֵיךְ זוֹכִין לֶאֱמוּנָה? וְזֶה 'עֻזּוֹ'. עֻזּוֹ זֶה הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁנִּקְרָא עֹז, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. שֶׁהַצַּדִּיק נִקְרָא בֹּעַז. בּוֹ עַז בּוֹ תֻּקְפָּא. כִּי הַצַּדִּיק הוּא גִּבּוֹר הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ. וְהוּא עַז כַּנָּמֵר בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. וְהוּא נוֹתֵן עֹז וְתַעֲצוּמוֹת לַה' יִתְבָּרַךְ כִּבְיָכוֹל, בִּבְחִינַת תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים. וּבִשְׁבִיל זֶה הַצַּדִּיק נִקְרָא עֻזּוֹ. וְזֶהוּ, דִּרְשׁוּ ה' וְעֻזּוֹ. שֶׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ אֶת ה' יִתְבָּרַךְ, הַיְנוּ לִזְכּוֹת לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה. וְזֶה אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם עַל יְדֵי שֶׁיִּדְרְשׁוּ וִיבַקְּשׁוּ וִיחַפְּשׂוּ אֶת ה' 'וְעֻזּוֹ', הַיְנוּ הַצַּדִּיק. כַּמְבֹאָר לְעֵיל שֶׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ אֶת הַצַּדִּיק מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה דַּיְקָא דּוֹרְשִׁין אֶת ה' וְזוֹכִין לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ, **בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד.** 'פָּנָיו' הֵם הַצַּדִּיקִים שֶׁנִּקְרָאִים אַנְפֵּי שְׁכִינְתָּא כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ. **וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי זֶה מִפִּי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ פְּנֵי ה' שֶׁהֵם הַצַּדִּיקִים, צְרִיכִין לְחַפְּשָׂם וּלְבַקְּשָׁם תָּמִיד עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְמָצְאָם לְהִתְקָרֵב לָהֶם, כִּי עִקַּר הָאֱמוּנָה וְהַהִתְקָרְבוּת לַה' יִתְבָּרַךְ תָּלוּי בָּהֶם כַּנַּ"ל".**

[עה] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ה, אות ט': "וְזֶהוּ, (שָׁם ק"ה): "**בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד**". כִּי עַל יְדֵי **תָּמִיד**, שֶׁהוּא בְּחִינַת **אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים י"א): "תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ". **עַל יְדֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, תִּזְכּוּ לִמְצֹא פְּנֵי ה'".**

[עו] עי' ליקוטי הלכות שלוחין ה"ה, את מ"א: "**כִּי קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וּקְדֻשַּׁת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הֵם בִּבְחִינָה אַחַת** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּמָקוֹם אַחֵר (עי' ליקו"מ תניינא סי' מ' וסי' ק"ט)".

אין תורה ל"ז - ביי דעם אויסטייטש פון דעם פסוק[עז], זאגט דער רבי: "דרשו ה' ועזו" – מיינט מען, די תורה. "בקשו פניו תמיד" – 'תמיד' איז ארץ ישראל. "ואין תמיד אלא ארץ ישראל, כמו שכתוב: 'תמיד עיני ה' אלקיך בה'". דער רבי רעדט דארט, אז דורך צדקה פון ארץ ישראל זוכט מען אויף 'פניו'.

(ר' נחמן: אין תורה מ"ד זאגט אויך דער רבי: "'תמיד' - זה בחינות ארץ ישראל, כמו שכתוב: תמיד עיני ה' אלקיך בה"!) יא יא. די אלע גרויסע ערליכע אידן וואס עס איז געווען ביי אונז, און די פריערדיגע דורות - אוודאי, האבן דעם רבי'ן מער געזוכט. אז דער רבי זאגט אין דער לעצטער תורה ("תקעו תוכחה":) 'מען דארף זייער זייער זוכן דעם רוח הקודש פונעם צדיק' – האבן זיי געזוכט, און אז זיי האבן געזוכט - האבן זיי געפונען.

דער רבי האט אזוי געזאגט[עח]: "איך דארף מאכן די געצייג אויך!". א בעל מלאכה דארטן - א שניידער, אז איך גיב אים צו מאכן אַן אנצוג, האט ער דעם מאשין מיט דאס נאדל - ער האט אלצדינג, איך גיב אים נאר די סחורה.

(אבל רבינו אמר:) 'איך דארף אים מאכן אליין די געצייג אויך'. ער דארף אליין מאכן דעם מאשין, ער דארף אליין מאכן דאס שערל! ער קען נישט קויפן קיין שערל, נאר ער דארף דאס אליין מאכן!

ביים רבי'ן איז אזוי: די גאנצע געצייג איז אלץ דא. איז זוך! זוך מיטן מויל! דו קענסט מיטן מויל זוכן - רעדן מיטן אויבערשטן! זוכן מיט די ספרים! זוכן מיט גוטע חברים - זוך, זוך!

---

[עז] וזל"ש, בסופו: "וְזֶה פֵּרוּשׁ: **דִּרְשׁוּ ה'** עַל יְדֵי אֵיזֶה חָכְמָה תּוּכַל לִדְרשׁ אוֹתוֹ, הָדָר מְפָרֵשׁ, **וְעֻזּוֹ**. הַיְנוּ **עַל יְדֵי הַתּוֹרָה**, וְלֹא עַל יְדֵי חָכְמוֹת אֲחֵרִים. שֶׁהֵם סִכְלוּת וָחשֶׁךְ, כְּנֶגֶד חָכְמוֹת הַתּוֹרָה. וְעַל יְדֵי מָה תִּזְכֶּה לְחָכְמוֹת הַתּוֹרָה? **בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד - עַל יְדֵי צְדָקָה שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**. כַּמּוּבָא בַּמִּדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה מ"ד; קֹהֶלֶת רַבָּה סֵדֶר א'): 'אֵין בַּקָּשַׁת פָּנִים אֶלָּא צְדָקָה', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ה): "צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ". **וְאֵין תָּמִיד אֶלָּא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל** ("שׁוֹחֵר טוֹב" תְּהִלִּים ק"ה וְעַיֵּן "רֵאשִׁית חָכְמָה" שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ו'), כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים י"א): **"תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ"** ".

[עח] עי' חיי מוהר"ן, אות שי"א: **"אָמַר, אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כֵּלִים נִפְלָאִים מְאֹד, רַק הַחִסָּרוֹן שֶׁאֲנִי בְּעַצְמִי מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת בְּעַצְמִי אֶת הַכְּלֵי אֻמָּנוּת שֶׁקּוֹרִין גִּיצַייג"**.

(על מה שאחז"ל[עט]:) 'טאמער וועט איינער דיר זאגן אז ער האט געזוכט און ער האט נישט געפונען - זאלסטו אים נישט גלויבן' - איז דא צוויי טייטשן: דו זאלסט אים נישט גלויבן אז ער האט געזוכט; און דו זאלסט אים נישט גלויבן אז ער האט נישט געפונען; אויב מען זוכט - געפינט מען!

אז איינער זוכט א זאך - הערט ער נישט אויף צו זוכן, אט דאס הייסט זוכן! 'זוכן' הייסט, אז 'איך הער נישט אויף'! איך האלט אין איין זוכן, בייטאג און ביינאכט, דאס הייסט זוכן - און דעמאלט געפינט מען טאקע!

מען דארף זוכן ביים דאווענען און ביים לערנען - ביי יעדע זאך דארף איך זוכן דעם צדיק, וואס דורך דעם צדיק – זאגט דער רבי - קען איך האבן א 'בירור המדמה', איך קען האבן 'אמונה בשלימות' - אלץ דורך אים. דארף איך אים זוכן. מיט וואס קען איך אים זוכן? עס איז דאך נישט קיין גשמיות'דיגע זאך? דורך די עצות וואס דער רבי גיט! די וואס האבן טאקע געזוכט מיט די עצות האבן טאקע געפונען!

די עצה פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים' איז עפעס א קליינע עצה?! רעדן צום אויבערשטן דיבורים! און ווער שמועסט אז דער אויבערשטער העלפט אז מען שטייט אויף דעמאלט ווען עס איז אַן עת רצון און מען טוהט גוטע זאכן דעמאלט - אוודאי מיט דעם זוכט מען, אט דאס הייסט 'מען זוכט'!

א מענטש איז תמיד עוסק אין זוכן, דער מענטש זוכט, אויב ער זוכט נישט דאס – זוכט ער עפעס אנדערש[פ], עס איז א נאטור פון א מענטש אז ער וויל א זאך. דאס

---

[עט] גמ' מגילה ו:

[פ] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות מ"ב: "**כָּל אֶחָד צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מְאֹד אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת** וְכַנַּ"ל, שֶׁעַל יְדֵי זֶה עִקַּר תִּקּוּן הָאָדָם עִקַּר הָאֱמוּנָה שֶׁהִיא יְסוֹד הַכֹּל וְכַנַּ"ל. וּכְפִי מַה שֶּׁפּוֹגְמִין חַס וְשָׁלוֹם, בָּזֶה שֶׁאֵין מִשְׁתַּדְּלִין לְחַפֵּשׂ אֶת הַצַּדִּיק, כְּמוֹ כֵן נוֹפְלִים בַּגָּלוּת וְנִתְרַחֲקִין מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, **וַאֲזַי נוֹפֵל אֶל הַהִפּוּךְ שֶׁהוּא צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ כָּל יָמָיו וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַה הוּא מְחַפֵּשׂ וּמְבַקֵּשׁ**, שֶׁזֶּה הוּא עִקַּר בְּחִינַת הַגָּלוּת שֶׁהוּא בְּגָלוּת וְטִלְטוּל נָע וָנָד. וְשׁוֹאֵל וְדוֹרֵשׁ וּמְבַקֵּשׁ וּמְחַפֵּשׂ בִּיגִיעָה וְעָמָל וְטִרְחָה גְּדוֹלָה

'וועלן' הייסט א מין 'חיפוש' - ער זוכט. אויב ער וויל נישט דאס – וויל ער נארישקייטן, וויל ער דאס, וויל ער יענץ, ער וויל, ער האלט אין איין וועלן. נאר אז דער אויבערשטער העלפט אז מען זוכט דאס – וויל איך טאקע דאס, כאטש דערווייל ווער איך הונגעריג, ווער איך שלעפעריג.

עס איז דא אזא מין סארט זוכן - אז אפילו ביים שלאפן זוכט ער אים אויך, און ביים עסן זוכט ער אים אויך. דער רבי זאגט אין תורה ז'[פא], מען קען זוכה זיין צו אזא מין עסן – צו אזא בענקאכטס צום אויבערשטן. זוכט ער אים דעמאלט אויך.

דער וואס ער זוכט - הערט נישט אויף צו זוכן!

אונזערע לייט פלעגן פארברענגען מיט א 'קריאת שמע שעל המיטה'. איך געדענק, דער שווער מיינער ע"ה (רבי אהרן קובליטשער) איז געווען א גרויסער מתבודד בייטאג. און זיין קריאת שמע שעל המיטה האט געדויערט אזוי לאנג - ער איז געגאנגען אין א ווינקעלע. (איך בין נתפעל געווארן:) 'אזוי לאנג א קריאת שמע שעל המיטה?!'. האט ער אים ביים שלאפן אויך געזוכט.

בשעת דער שווער איז נסתלק געווארן, האט זי, די שוויגער ע"ה, געזאגט אויף אים: **"אהרן, פערציג יאר האסטו אפגערעכט חצות; דו האסט קיין איין נאכט נישט פארפעלט!"**. פערציג יאר!

(גם אמרה:) **"אהרן, 'איך' ווייס ווער דו ביסט געווען; 'איך' קען דיר!"**

---

מְאֹד מְאֹד וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּעַצְמוֹ מַה הוּא מְבַקֵּשׁ וּמְחַפֵּשׂ כְּמוֹ **שֶׁרוֹאִין כָּל זֶה בְּחוּשׁ מִי שֶׁיַּבִּיט בְּעֵין הָאֱמֶת**, שֶׁרֹב בְּנֵי הָאָדָם רוֹדְפִים אַחַר הַמָּמוֹן בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת וּטְרָחוֹת וּטְרָדוֹת מְאֹד מְאֹד" וכו', עיי"ש.

[פא] תניינא, ושם אות י': "וְעַל יְדֵי כְּלָלִיּוּת בֵּן וְתַלְמִיד; עַל יְדֵי זֶה מִי שֶׁהוּא אִישׁ חַיִל וְאֵינוֹ הֶהָפֶךְ (שֶׁקּוֹרִין: רֹעַ מַזָּל, שְׁלֵימַזָּל), הוּא יָכוֹל לְקַבֵּל בְּעֵת הָאֲכִילָה הֶאָרַת הָרָצוֹן, **דְּהַיְנוּ שֶׁיָּאִיר לוֹ הָרָצוֹן בְּעֵת הָאֲכִילָה, וְיִשְׁתּוֹקֵק וְיִכְסֹף מְאֹד אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן מֻפְלָג, בְּלִי שׁוּם יְדִיעָה, שֶׁלֹּא יֵדַע כְּלָל מָה הוּא רוֹצֶה"**.

ער האט אים געזוכט; ער האט אים געזוכט פארן שלאף; אז מען איז בייטאג א מתבודד, און פארן שלאף[פב] ביי קריאת שמע שעל המיטה, זוכט מען ביים שלאף אויך[פג].

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן - דעם רבי'נס זאך איז געגעבן געווארן 'לחזק' - מיר זאלן זיין פרייליך מיטן רבי'ן, אבער מיר זאלן האבן שכל - 'מען שטייט ביי אזא מין אוצר, זאל מען אים זוכן!'

❖ ❖ ❖

## ארויסגעווארפן פון דער מקוה

היינטיגן שבת איז רבי משה ברסלבר'ס יארצייט[פד]. דער [ר' ישראל] קארדאנער פלעגט האלטן (היארצייט). ער פלעגט זאגן: "עס איז מיין טאטע!". ער האט געהאלטן רבי משה'ן אזוי ווי א טאטע.

(ר' נחמן: רבי משה ב"ר?) יוסף; יוסף בעדער. וואס איז געוועזן די מעשה מיט רבי משה'ן? רבי משה מיט ר' זאנוויל זענען געוועזן צוויי ברודער. דער טאטע איז געוועזן א בעדער אין ברסלב. אמאל א מקוה איז געוועזן אזוי ווי אייז, אָן א דאך, אפגעלאזט געוועזן. איך ווייס?... א שטאט פון גבירים, אבער אזוי איז געוועזן. דער בעדער

---

[פב] עי' שיחות הר"ן, אות ער"ה: "**גם יכולין להתבודד ולפרש שיחתו כששוכב על מטתו ומכסה עצמו בהסדין** כמבואר במקום אחר (שיחות הר"ן ס"ח) שכך נהג דוד המלך, ע"ה".

[פג] עיין מכתבי רבי נתן ב"ר יהודה, מיום ב' תשא, ד' ימים קודם אור הפורים תרל"ו: "ואודות מה שכתב לי ר' נתן בן ר' יצחק נ"י שלפעמים הוא שוכח אם הוא בן מלך **תדעו שמי שהיה כי אם פעם אחת על ציון רבינו ז"ל או שעוסק בדברי רביז"ל - בודאי הוא בן מלך** רק הוא עדיין מגוּדל אצל העבד עד שיחפש עצמו עכ"פ חצי שעה ביום להתאנח היכן אני בעולם עד שבסוף יבא לגדולתו **והזמן לפניך הוא בעת קריאת שמע על המטה קודם השינה אז תתאנח עכ"פ חצי שעה. וכשתעסוק בזה עכ"פ חודש אחד רצופים בודאי אי"ה יהיה לך איזה שינוי ברצון**".

[פד] ר"ח שבט.

**פלעגט אמאל האבן א שטיבעלע לעבן די מקוה - יענץ שטיבעלע, אזוי ווי א קבר... און דארטן האבן זיי געוואוינט.**

**איז די בעדערין פלעגט נעמען און אנווארעמען א טאפ וואסער, און צוגעגרייט רבי נתן'ען ער זאל קענען אנווארעמען די פיס. רבי נתן האט דאך געהאט מיט חולי מעיים[פה]. זיי - די מתנגדים, זענען געוואויר געווארן, איז מען געגאנגען און מען האט זיי ארויסגעווארפן פון דער מקוה אינמיטן ווינטער, מען האט זיי ארויסגעווארפן פון דער שטוב אויך.**

**איז זי אריינגעקומען צו רבי נתן'ען** (וויינען) **און אים געזאגט: "איך האב דאך געמיינט איך א טובה; זעהט וואס מען האט מיר געטוהן - אזוי ארויסגעווארפן!". האט ער אזוי געזאגט: "וואס קען איך דיר העלפן? געלט האב איך נישט; שיק מיר דיינע צוויי קינדער - וועל איך זיי מחנך זיין!".**

**רבי נתן האט זיי מחנך געווען - רבי משה מיט ר' זאנוויל, זיי זענען געווארן צוויי צדיקים. דאס איז דער רבי משה ברסלב'ער און ר' זאנוויל. ר' זאנוויל איז געווען עפעס גאר געוואלדיג!** (השואל: ווען איז דאס געווען?) **אין ברסלב, ביי דער מחלוקת.**

**אז ער** (ר' ישראל קארדונער) **איז געווארן מקורב איז ער געקומען קיין טשעהרין, און ער איז געווען ביים טשעהרינער רב עטליכע טעג. דער טשעהרינער רב האט זיך מיט אים זייער משעשע געווען. דער טשעהרינער רב האט אויף אים געזאגט - דער רבי זאגט דארט אין דער מעשה פון דעם דימיט[פו]: "עס האט געהאט אלערליי חן".**

---

[פה] עי' גמ' שבת דף קי"ח ע"ב: "ואמר רבי יוסי, **יהא חלקי ממתי בחולי מעיים**, דאמר מר, **רובן של צדיקים מתים בחולי מעיים**".

[פו] "סיפורי מעשיות" מעשה ז' - 'מזבוב ועכביש', בסופו: "און עֶר הָאט גִיזֶעהְן (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ) וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן מִתְּחִילָה וְעַד סוֹף, און וִוי עֶר אִיז גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ, און דִי מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט גִיהַאט וְכוּ'. **און עֶר הָאט גִינוּמֶען שְׁבוּיִם, און צְוִוישְׁן דִי שְׁבוּיִם אִיז גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן פון דֶער וֶועלְט. נָאר דֶער חֵן אִיז נִיט גִיוֶוען פון אִיר אַלֵיין, נָאר סֶע**

האט ער געזאגט אויף אים: "דאס איז 'דער'!". 'דער רבי האט געפאנגען א געפאנגענעם, און ער האט אין זיך אלערליי חן!'.

אבער דער טשעהרינער רב איז געווען אזוי: ער איז געווען א פארבאהאלטענער 'סגור ומסוגר' - אין דעם רבנות האט ער זיך אויך נישט געמישט. עס איז אוועקגעגאנגען עטליכע טעג - ער האט אויפגעהערט צו רעדן מיט אים (עם ר' ישראל). זאגט ער אים: "רב, איך וויל דאך איר זאלט רעדן מיט מיר פון דעם רבי'ן". האט ער א וויין געטאן פאר אים: "איך האב נישט זוכה געווען צו משמש זיין רבי נתן'ען - האב איך נישט קיין דיבורים; גיי אריין צו מיין מחותן[פז] - ער האט אים משמש געווען, האט ער דיבורים!". – דאס האט מיר דערציילט ר' מרדכי באבריניצער, אז ר' ישראל האט אים דאס אליין דערציילט.

- איז ער אוועקגעגאנגען צו רבי משה'ן - און דארט האט ער שוין געהאט. רבי משה האט שוין גערעדט מיט אים... ער האט פאר אים אוועקגעגעבן טעג און נעכט. פלעגט ער זאגן: "רבי משה איז מיין טאטע", פלעגט ער האלטן דעם יארצייט נאך רבי משה'ן – ר' ישראל קארדונער.

❖

## פארשטאנען אז די מעשה האט זיך געענדיגט...

(ר' נחמן: רבי נתן האט דערציילט א מעשה פאר רבי משה'ן?) יא. רבי נתן האט איינמאל דערציילט רבי משה'ן א מעשה, וואס די מעשה האט זיך אוועקגעצויגן אסאך יארן (ובזה הסיפור היה רמוז כל סיפור ימי חייו של רבי משה). ביים סוף מעשה האט רבי נתן געענדיגט: "מען וועט אים עפעס אריינטראגן אין שטוב אריין!" - דערמיט האט

---

הָאט אוֹיף אִיר גִיהָאנְגֶען אַ דוּמִיט, אוּן דֶער דוּמִיט הָאט גִיהַאט אַלִירְלֵיי חֵן. אוּן מַחְמַת דֶעם הָאט זִיךְ גִידַאכְט אַז זִי הָאט אַלִירְלֵיי חֵן".

[פז] עי' שיש"ק ח"ג, אות שמ"א, שבנו רבי חיים היה חתנו של רבי משה ברסלבר ז"ל וישב על כסא אביו כרַב בטשעהרין.

ער געענדיגט דער מעשה. ער האט נישט געזאגט (קלאר) אז דאס וועט זיין דער סוף, נאר ער האט נישט דערציילט ווייטער, איז דער משמעות אז דאס איז דער סוף פון דער מעשה.

וואס ער האט אים דערציילט, האט ער אליין געזעהן - רבי משה. רבי משה איז געווען אמאל אַן ארעמאן אויך, פארלוירן געלט - ער האט אים אליין דערציילט.

רבי משה איז דאך געווען א שיינער סוחר, א פארמעגליכער. (ומה שאמר לו מוהרנ"ת:) "מען וועט אים עפעס אריינטראגן" - דאס הייסט דאך, אז ער וועט זיין אזוי ווי עפעס א מין נצרך לבריות.

דעם (לעצטן) שבת – יענע וואך איז נישט געווען קיין פיש. האט אים איינער אריינגעטראגן פרייטאג, פיש אויף שבת. איז געווארן 'נשתנה פניו'. (אחד הנוכחים: ער האט פארשטאנען אז עס האט זיך געענדיגט זיין מעשה...)

דער שווער (רבי אהרן קיבליטשער) איז געווען אין טשעהרין דעם שבת. דאכט זיך, מאנטאג איז געווען ראש חודש שבט - און דער שווער איז מוצאי שבת אוועקגעגאנגען צו רבי משה'ן. רבי משה איז געווען דעמאלט נישט געזונט.

דער שווער פלעגט נעכטיגן ביי ניאַחע'ן[פח]. ניאחע האט געהאט יארצייט ערב ראש חודש שבט. האט אים רבי משה אזוי געזאגט: "אהרן, דו גייסט דאך אוועק צו ניאח'ען - ניאחע האט דאך היינט יארצייט; זאלסטו אים זאגן, אז אזוי האב איך געהערט פון רבי נתן'ען: אזוי ווי נאך א נפטר לערנט מען דאך א פרק משניות - אזוי זאל מען לערנען א תורה אין ליקוטי מוהר"ן און זאגן לעילו נשמתו!".

---

[פח] שמו המלא "ר' נחמן ב"ר אברהם ייבין", נכדו של ר' אבא'לע מטשעהרין (אביו היה חתנו של ר' אבא). עי' אודותיו בשיש"ק ח"ד אות תקפ"ז.

און מארגן אויף דער נאכט, דאס הייסט, זונטאג ביינאכט, איז רבי משה נפטר געווארן.

ביינאכט האט מען אים געהערט זאגן דער תורה פון "אתה סתר לי"[פט] - האט ער געזאגט: 'לי' 'לי' 'לי', 'אתה סתר לי', 'לי' 'לי' - און ער איז נפטר געווארן די נאכט.

רבי משה איז געווען א צדיק א למדן.

נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן – זיי האבן אלע געמאכט גוט. מיר זאלן זיך צורירן צום רבי'ן, מיר זאלן זוכן, מיר זאלן זיך האלטן אין דעם רבי'ן, וועט מען אויך געפינען.

(ר' נחמן: איך געדענק, רבי אברהם (שטערנהארץ) האט דערציילט, אז ביי דעם שלוש סעודות וואס רבי משה איז געווען שוואך - רבי אברהם האט דאך געזאגט דארטן די תורה (לרבים). און רבי משה האט אים געשיקט רופן אז ער זאל אריינקומען צו אים. רבי אברהם איז אריינגעקומען צו אים, האט ער געזעהן עס איז שוין זייער ווייט. זונטאג ביינאכט איז ער נאכאמאל אריין צו אים, האט ער אים געהייסן ער זאל לערנען פאר אים א תורה. האט אים רבי אברהם אויפגעמישט דער תורה "אתה סתר לי". און רבי אברהם האט געוואלט גיין ווייטער, האט ער אים געזאגט: "ניין, דארט וואו דו האסט אויפגעמישט!" - האט ער געזאגט דער תורה. נאך דעם האט ער געזאגט: 'לי', 'אתה סתר לי', 'לי' - און אזוי איז רבי משה אויסגעגאנגען ביי רבי אברהם'ס הענט...)

❖

רבי משה האט געהאט אמאל עפעס א גרויסן שאדן, עפעס א גאנצע גניבה געווען. האט ער זיך גענומען לערנען "ליקוטי הלכות" - הלכות גזילה, הלכות גניבה - ביז מען האט אים אפגעבראכט דער גניבה...

---

[פט] ליקוטי מוהר"ן סי' רי"ג.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

בקשו רחמים לרפואת **אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל** לרפו"ש בקרוב בתושח"י

מוהר"ר **יואל**
**פאלקאוויטש** הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בנו החה"ח
**אברהם זאב** ני"ו
למזל טוב

מוהר"ר **יוסף ישעי'**
**לאוען** הי"ו – מאנסי
לרגל נישואי בתו עם החה"ח **יעקב**
**יקותיאל זלמן** במוה"ר **אלעזר**
**האס** הי"ו
למזל טוב

מוהר"ר **זלמן לייב**
**ראזענבערגער** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוהר"ר **יואל**
**מענדלאוויטש** הי"ו
מאנסי
לרגל הכנסת בנו כמר **שמואל**
**אליעזר** לעותומ"צ
למזל טוב

מוהר"ר **אהרן משה**
**לייפער** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוהר"ר **שלמה זלמן**
**שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת **פיגא**
**רבקה** ב"ר **חיים צבי**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה**
**שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר
**שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה